STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01123

VILI

Israel Joshua Singer

Permanent preservation of this book was made possible
by John Herzog
in memory of
Norma E. Herzog

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. זינגער

ווילי

געקירצט און פּאַרטייטשט פון
זלמן יעפרויקין

אַרויסגעגעבן פון דער
ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג־מיטלשול
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

ווילי פון י. י. זינגער

מיט דערקלערונגען פון ווערטער
אויף יעדער זייטל
פֿון זלמן יעפֿרויקין

WILLY

by

I. J. SINGER

Published in the U. S. A.
by the
NEW YORK WORKMENS CIRCLE MITTELSHUL
1 9 4 8

פֿון די אַרויסגעבערס

דאָס איז די ערשטע אויסגאַבע פֿון אַ סעריע לייענביכער פֿאַר דער יִדישער שול וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿונעם ספּעציעלן פֿאָנד וואָס אונדזער פֿרײַנד און מיטגליד פֿונעם אַרבעטער־רינג, מאָרים אײַזענמאַן האָט עטאַבלירט לכּבֿוד זײַן 75־טן געבורטסטאָג.

מיט אַ געפֿיל פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט גיבן מיר איבער פֿאַר אונדזערע לייענערס, קינדער און דערוואַקסענע, די שיינע טאַט פֿון אונדזער פֿרײַנד מאָרים אײַזענמאַן.

1

כאָטש עס איז שוין געווען אין גאַנצן אַן אַכט טעג פֿאַר פּסח, האָט וואָלף, ר׳ הערש רובינס יִינגל, נאָך גאָרנישט גע־וואוסט אין שיר־השירים, וואָס דער דאָרפֿישער מלמד זײַנער האָט אין אים, גלײַך פֿון נאָך פּורים אָן, אַרײַנגעאַקערט אין קאָפּ אַרײַן.

וואָלף האָט נאָכגעזאָגט דעם רבינס זינגענדיקע רייד, נאָר אַז ער איז געקומען צום איבערזאָגן, צום „אויסריידן״, האָט ער קיין איין וואָרט ניט געקענט. דער מלמד, אַ ייִד אַ דאַרער, אַ בלאַסער, כאָטש ער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן ווינטער אין דאָרף, איז געזעסן אַ פֿאַרחושכטער אין דער פֿריש אויסגעקאַלכטער בלוילעכער דאָרפֿס־שטוב און געקוקט אויף דעם תּלמיד זײַנעם מיט רחמנותדיקע אויגן.

— „נו, יעך בעט דיך, וואָלף, לייג צו קאָפּ,״ — האָט ער גע־רעדט מיט אַ וויינענדיק קול, — „יעך דאַרף אַהיים פֿאָרן צו ווײַב און קינדער אויף פּסח. אַ גאַנצן ווינטער בין יעך נישט געווען אין דער היים. צוליב דיר, ווייל דו קענסט נאָך נישט שיר־השירים, קאָן יעך נאָך נישט אַהיים פֿאָרן...״

וואָלפֿס אָנגעשטאָפּטע, פֿאַרביקע באַקן, ווי אָנגעגאָסענע מיט רויטן ווײַן, זײַנען פֿון רבינס רייד נאָך רויטער געוואָרן. זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם בלאַסן מלמד מיט רחמנות.

שיר־השירים (שיר־האַשירים) — „דאָס ליד פון די לידער״. דער נאָמען און די ערשטע ווערטער פֿון אַ בוך אין תּנך. דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פֿון זייער שיינע ליבע־לידער און אַנדערע לירישע לידער. שיר־השירים איז פֿאַרבונדן מיטן יום־טובֿ פּסח: מען לייענט עס נאָך דער הגדה.

אַרײַנאַקערן אין קאָפּ אַרײַן — אײַנלערנען, אַרײַנקלאַפּן אין קאָפּ; get into one's head.

פֿאַרחושכטער (פֿאַרכוישעכטער) — איינער וואָס זעט אויס זייער שלעכט, וואָס איז שטאַרק דערשלאָגן (depressed), אומעטיק (dismal).

קאַלכן — whitewash.

ער האָט שוין געוואָלט צוליגן קאָפּ, אָבער די ווערטער, די זינגענ־דיקע און פֿרעמדע, זײַנען אים גאָר אין קאָפּ ניט געקראָכן.

דער פֿאָטער, ר׳ הערש, האָט געקוקט אויף דעם יִנגל זײַנעם, אויף דעם צעוואָקסענעם און רויטבאַקיקן, וואָס צווישן יִדישע יִנגלעך זעט מען גאָרנישט אַזעלכע, און ער האָט געוואָרפֿן בייזע בליקן אויף זײַן ווײַב, וואָס איז געזעסן מיט אַן אינדיק אויף דער שויס און געשטאָפּט אים אויף פּסח, ער זאָל זײַן פֿעט.

— „כ׳ווייס גאָרנישט, ווי ס׳קומט צו מיר אַזאַ זון,״ — האָט ער געדעדט מיט כּעס צום ווײַב זײַנעם, דער אָרענדאַרישער טאָכ־טער, — „עפּעס גאָר קיין יִדישע צורה האָט ער ניט, דער זון דײַנער.״

— „ער איז אַזוי דײַנער, ווי מײַנער,״ — האָט די יִדענע גע־ענטפֿערט מיט פֿאַרדרוס, צושטיקנדיק דעם אינדיק דעם האַלדז, ער זאָל ברייטער עפֿענען דאָס מויל פֿאַר שפּײַז, — „און כ׳ווייס ניט, וואָס דו טשעפּעסט זיך צום קינד.״

— „צום קינד,״ — האָט ר׳ הערש נאָכגעשפּעט זײַן ווײַבס רייד, — דער יונג וואַקסט ווי אַ גוי, און בײַ איר איז ער נאָך אַלץ אַ קינד, אַ ילד, ווי אַ רוצח...״

ער האָט מיט כּעס פֿאַרהאַקט די טיר און איז אַרויס.

וואָלף האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם טאַטנס רייד, דער מאַמעס ענטפֿער, און ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון. עס איז אים אין איין אויער אַרײַן און דורכן צווייטן אַרויס. ער האָט איבערגעלאָזט דעם רבין אין סאַמע מיט און געלאָזט זיך צו די פֿערד־שטאַלן, וואָס זײַנען געשטאַנען טיף אין הויף. בײַ דער טיר האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, כאָטש עס איז ניט לאַנג

צעוואָקסענער — שטאַרק אויסגעוואַקסענער, איינער וואָס איז העכער פֿון זײַנע יאָרן.

שטאָפּן — to fatten; געבן אַ סך עסן.

צורה — פּנים.

צושטיקן — to choke, ווערגן.

נאָכגעשפּעט — נאָכגעמאַכט כּדי אָפּצולאַכן; aped, ridiculed

ילד (יעלעד) — קינד.

רוצח (רויצייאַך) — מערדער.

זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון — did not care, made nothing of it.

געווען נאָכן אָנבײַסן. ער האָט גיך אָפּגעשניטן אַ המוציא ברויט, אַ גרויסע און אַ דיקע, אַרײַנגעשטופּט די המוציא אין קעשענע פֿון כאַלאַטל, וואָס איז תּמיד פֿול געווען מיט קיזלשטיינער, טשוועקעס און צעבראָכענע שליסלען. ער האָט מיט די קורצע, גראָבע פֿינגער געריסן שטיקער פֿון ברויט, געלייגט צווישן די שטאַרק ווײַסע ציין, וואָס האָבן מיט גבֿורה אַרויסגעקוקט פֿון די רויטע, פֿולע ליפּן, און הויך געקײַט, מיט חשק און געפּילדער.

— „וועלוול, קום באַלד צוריק," — האָט די מוטער אים גערופֿן פֿאַרצויגן, — „דער רבי האָט נאָך מיט דיר צו לערנען."

— "כ'וועל ניט צוריקקומען," — האָט וואָלף געזאָגט מיט אַ פֿול מויל עסן, — „כ'גיי צום אַלטן ראָך אין שטאַל."

— „וואָס זשע, ראָך וועט זײַן דײַן רבי?" — האָט די מוטער געפּרעגט. — „פֿון אים וועסטו זיך אויסלערנען תּורה? אַ פּויער וועט דאָך פֿון דיר אויסוואַקסן!"

— „וועט אויסוואַקסן!" — האָט וואָלף אָפּגעענטפֿערט, כאָטש דער רבי האָט אים תּמיד געלערנט, אַז מען טאָר ניט אַנטקעגנריידן דער מאַמען, אַז אַ בן סורר־ומורה קומט צו פֿאַרשטיינען.

ער איז אַרויס פֿון שטוב גיך, מען זאָל אים ניט קענען צוריקכאַפּן.

די ערד אויפֿן גרויסן הויף איז נאָך געווען נאַס פֿון די פֿרעסט און שנייען, וואָס האָבן אַ גאַנצן ווינטער אָנגעהאַלטן. יעדער טריט האָט אויסגעפּרעסט אַ צייכן אין דער פֿײַכטקייט. דורך פֿאַרוואַלגערטע שטיקלעך שניי און פֿאַרדאַרטע בלעטער, פֿאַרבליבענע נאָך פֿון האַרבסט, האָבן פֿרישע גרעזלעך זיך דורכגעשלײַכט און פֿאַרשעמטע קעפּלעך אַרויסגעשטעקט. פֿון דאָ און דאָרט האָט זיך אויך

אָנבײַסן — פֿרישטיק, breakfast.

המוציא (מויצע) — אַ שטיק ברויט אָדער חלה.

כאַלאַטל — שלאַפֿראָק, לאַנגער און ברייטער שטוביקער רעקל, loose jacket.

קיזלשטיינער — flintstone.

גבֿורה (גוואורע) — שטאַרקייט, פֿעסטקייט.

בן סורר ומורה (בען סוירער אומוירע) — אַ זון וואָס באַגייט זיך מיאוס מיט די עלטערן; הייבט אַ האַנט קעגן די עלטערן.

דורכשלײַכן זיך — שטיל זיך דורכשטופּן.

אַ געל פֿעלדבלימעלע געפֿעדערט און אַרויסגעשניטן זיך פֿון גרינקייט. קוואָקעס, זיצנדיק אויף אייער, האָבן שטאַרק געקוואָטשקעט, גאָרנישט מיד ווערנדיק. איין הון אַ בריה איז שוין ברייט אַרומגעגאַנגען מיט אירע קליינע הינדעלעך, האַלב נאַקעטע נאָך, געזוכט קערנער אין פֿערדישן מיסט, וואָס האָט געדעמפּט מיט וואַרעמקייט, און שטרענג געהאַלטן אויג אויף דער געלער קאַץ, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פֿאַנגען אַ הינדעלע, ווען זי, די מוטער, וועט עס ניט באַשיצן.

— „קאַ, קאַ, קאַ,‟ — האָט זי מיט געבייזער געוואָרנט די קאַץ, און באַצײַטנס אָנגעשפּיצט דעם שנאָבל און געשאַרפֿט די נעגל, גרייט צו פֿאַרטיידיקן איר קליינוואַרג.

וואָלף האָט אויפֿגעהויבן אַ שטיינדל פֿון דער ערד און געוואָרפֿן אויף דער לאָקערנדיקער קאַץ. ווי מערסטענס ייִנגלעך, האָט ער פֿײַנט געהאַט קעץ. די קאַץ איז גיך אַרויף אויפֿן פּלויט, אויף וועמעס שפּיצן עס האָבן זיך געטריקנט ערדענע טעפּ, און אַראָפּגעקוקט צום ייִנגל, ווי זי וואָלט זיך רייצן מיט אים, אַלמאַי ער קאָן זי ניט כאַפּן. וואָלף האָט אויסגעשפּיגן אויף איר, אַראָפּגעבויגן זיך צו דער ערד און אויפֿגעהויבן אַ הינדעלע, אַ שוואַכס און נאַקעטס, וואָס אַחוץ אַ ביסעלע געלן פּוך, האָט עס נאָך גאָר קיין פֿעדערן ניט געהאַט. די קוואָקע האָט געציטערט, געקוקט מיט אומרואיקע, קײַלעכדיקע אויגן אויף וואָלפֿן, אָבער אין די אויגן אַרײַן איז זי אים ניט געשפּרונגען. זי האָט געזען, ווי ער גלעט איר קינד, טוליעט עס אין די הענט, הויכט עס אָן מיט וואַרעמקייט און גיט עס ברעקעלעך עסן, פֿריש צעקײַט פֿון מויל אַרויס.

— „נו, גיי צו דער מאַמען, קוויטשערל,‟ — האָט וואָלף געזאָגט דעם הינדעלע, אַרויסלאָזנדיק עס צערטלעך פֿון די הענט.

פֿעדערן זיך — פֿרי אַרויסקומען, to rise early.

קוואָקע — clucking hen, brood-hen.

בריה (בעריע) — אַ געראָטענער, אַן ענערגישער, איינער וואָס טוט די אַרבעט גיך און גוט.

לאָקערן — to be in wait.

פּלויט — fence.

טוליען — דריקן צו זיך, זיך צודריקן, to calm, to soothe, to cling.

ער איז פֿאַרבײַ אַן אויסגעטריקנטן, פֿאַרפֿלאָנטערטן קאַרשנבוים און אַראָפּגעריסן עטלעכע פֿאַרדאַרטע קאַרשן־קערנדלעך, וואָס זײַנען אויף טייל צווײַגן נאָך אַלץ געהאַנגען פֿון זומער אָן און פֿייגל האָבן זיי געפּיקט, זוכנדיק אַ ביסל שפּײַז אין זייער פֿאַרדאַרטער אויסטריקעניש. דאָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַ סך פֿרייד און כּוח. ער האָט דערפֿילט אַזאַ קראַפֿט אין די קורצע, דיקע פֿינגער, אַז ער האָט חשק געהאַט צו צעברעכן עפּעס, קאַליע מאַכן. צוגעלאָפֿן צו אַ יונג ביימעלע און גענומען עס רײַסן פֿון דער ערד, אָבער דאָס ביימעלע האָט זיך פֿעסט געהאַלטן מיט די וואָרצלען און זיך ניט געלאָזט אַרויסרײַסן. האָט וואָלף אויפֿגעהויבן אַ שטיין, וואָס איז געלעגן אײַנגעפּרעסט אין דער ערד, און אים מיט כּוח געוואָרפֿן צו אַ באַנדע קראָען, וואָס האָבן געקראַקעט אַרום אַ בערגל מיסט.

— „העי, פֿאַרשאָלטענע!‟ — האָט ער געשריִען אין פּויליש, ווי תּמיד, ווען ייִדן ריידן צו באַשעפֿענישן, אין גויאיש. — „אַוועק, שוואַרצע מכשפֿות, געפֿלויגן פֿון דאַנען! אוים ווינטער!‟

די קראָען זײַנען אַוועקגעפֿלויגן מיט אַ קראַקערײַ.

פֿייגל האָבן געפּישטשעט, געטאַנצט, געשפּילט זיך אין יאָגעניש. שוואַלבן האָבן געאַרבעט מעשׂים אונטער שטרויענע דעכער, געזוכט פֿאַראַיאָריקע נעסטן. אויף דעם סאַמע שפּיץ פֿון אַ סטויג היי האָט אַ בושל זיך געדרייט, געפֿאָכעט מיט די פֿליגל, ווי ער וואָלט אַלץ ניט אָנגעטרויט זיך אַוועקצושטעלן. ענדלעך האָט ער אָנגעשפּאַרט די לאַנגע, דינע פֿיס אין שפּיץ פֿון פֿלאָקן, וואָס קוקט פֿון היי אַרויס, און באַטראַכט די וועלט אַרום זיך פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אַן אויסקוקער. די זון האָט געלויכטן, געשפּיגלט זיך אין יעדן פּיצל צעבראָכן גלאָז, אין דאַרע צווײַגן, אין פֿאַרבליבענע שטיקלעך שניי, אין יעדן ביסל מיסט און אין יעדן ריטשקעלע. דער בשול האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די גרויסע פֿליגל צו דער זוניקער וואַרעמ־

פֿ אַ ר ד אַ ר ט ע — withered, dryed up.

א ו י ס ט ר י ק ע נ י ש — dryness.

ס ט ו י ג — stack.

פֿ ל אָ ק ן — pole.

ר י ט ש ק ע ל ע — קליין טײַכל.

קייט און זיך צעשריִען מיט אַ משונהדיק הויך קויל. וואָלף האָט פֿאַרריסן די אויגן און אַרויפֿגעשריִען צום בושל:

— „באַטשאַן המלך, די נעסט ברענט!"

אין דעם בושלס שרײַען האָט ער דערפֿילט די גאַנצע פֿרייד פֿון פֿרילינג, זון און דערוואַכונג, וואָס קומט אָן נאָך די לאַנגע, שווערע, פּראָסטיקע טעג. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טוכענע היטל פֿון קאָפּ און עטלעכע מאָל עס געוואָרפֿן אין דער הייך פֿאַר פֿרייד, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אַ ייִדיש קינד טאָר ניט שטיין קעגן הימל מיט אַ בלויזן קאָפּ. פֿון צו פֿיל כּוחות אין אַלע גלידער האָט ער געלאָזט זיך לויפֿן איבער דער ווייכער ערד, געלאָפֿן גיך, ראַשיק, ביז ער איז צו די שטאַלן אַרום.

אויף אַן אָפּגעזעגטן בוים, וואָס קוקט אַרויס פֿון דער ווייכער ערד, איז געזעסן ראָך, זייער אַלטער משרת בײַ די פֿערד, און מיט אַ מעסער געשניצט אַ צווײַג.

— „וואָס מאַכסטו, ראָך?" — האָט וואָלף געפֿרעגט בײַם אַלטן.

דער גוי האָט אַרויסגעצויגן זײַן צעקנאָדערטן, ברוינעם, אָדער־דיקן האַלדז פֿון שוואַרצלעכן, פּויערישן העמד, וואָס איז געווען פֿאַרקנעפּלט מיט אַ רויט גלעזערן קנעפּעלע. ער האָט צעצויגן אין נחת אַלע זײַנע קנייטשן פֿון דעם מאָגערן, קנאָכיקן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי קאָרע פֿון אַן אַלטן בוים, און ער האָט באַוויזן אַ גרויסן, איין־און־איינציקן, געלן צאָן פֿון זײַן ליידיק מויל אַרוים.

— „אַ ליולקע מאַך איך מיר, וואָלף," — האָט ער געזאָגט מיט פֿרייד, קוועלנדיק מיט אַלע קנייטשן אַרום זײַנע קליינע, גרינע אויגן, — „כ'האָב אָפּגעבראָכן אַ צווײַגל פֿון אַ קאַרשנבוים. זאָלסט ניט זאָגן דעם טאַטן, אַז איך האָב אַ צווײַגל פֿון אַ קאַרשנבוים קאַליע געמאַכט. פֿון קאַרשן־בוים־האָלץ זײַנען די בעסטע ליולקעס.

ט ו כ ע נ ע — of cloth.
ב ל ו י ז ן ק אָ פּ — אָפּגעדעקטן קאָפּ, אָן אַ היטל.
מ ש ר ת (מעשאָרעס) — servant, attendant.
צ ע ק נ אָ ד ע ר ט ן — crumpled.
ק נ אָ כ י ק ן — ביינערדיקן.
ק אָ ר ע — bark.

— „כ׳וועל ניט זאָגן, ראַך,״ — האָט וואָלף צוגעזאָגט, — „אָבער וואו האָסטו דײַן אַלטע ליולקע?״

— „די אַלטע? כ׳האָב זי אַ ציגײַנער פֿאַרקויפֿט. גוט געלט גענומען. אַ האַלבן רובל אין זילבער.״

וואָלף האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קופּע פּאַרדאַרטע בלעטער לעבן דעם אַלטן ראַך, און צוגעקוקט זיך, ווי ער שניצט געשיקט מיטן מעסער אין האַרטן האָלץ. דער אַלטער האָט ניט אויפֿגעהערט צו ריידן מיט זײַן אַלט קול, קוועלנדיק פֿון פֿרייד מיט זײַן איין־און־איינציקן שפּיציקן צאָן. די מעשׂה מיט דער ליולקע, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט די ציגײַנער פֿאַר אַ האַלבן רובל אין זילבער, האָט אים אָנגעפֿילט מיט שׂמחה.

— „ציגײַנער האָבן שטאַרק ליב אַלטע ליולקעס, וואָלף,״ — האָט ער געמורמלט, — „אָבער ניט צום רייכערן, נאָר צום עסן. זיי שפּאַלטן דעם ציבעק, קראַצן אַרויס דעם שוואַרצן אָנוואוקס, וואָס זאַמלט זיך אָן פֿון רויך און טאַבאַק, און דאָס עסן זיי.״

וואָלף האָט זיך פֿאַרקרימט:

— „פֿו, חזירים! און ס׳שאַדט זיי גאָרנישט?״

— „העי, זיי ווערן נאָך געזינטער דערפֿון,״ — האָט ראַך געלאַכט, — „אַפֿילו די ווײַבער זייערע כאַפּן עס און קוויקן זיך דערמיט ווי מיט בראַנפֿן.״

וואָלף האָט אויסגעשפּיגן אויף די ציגײַנער, וואָס פֿרעסן אַזאַ מיאוסקייט, און ער איז אַרײַן אין שטאַל צו די פֿערד זייערע.

די פֿערד זײַנען געווען אויפֿן פֿעלד שוין. די משרתים האָבן געאַקערט די פֿעלדער אויף צו פֿאַרזייען זומער־קאָרן און צו פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל. אין שטאַל זײַנען בלויז געבליבן די טראָגעדיקע קאָבילעס, וואָס האָבן אַ ליאַדע טאָג געדאַרפֿט געבוירן לאָשיקעס,

---

ק ו פּ ע — heap, pile
ש נ י צ ן — to carve.
ג ע ש י ק ט — skilful.
צ י ב ע ק — shank of a tobacco pipe.
ק אָ ר ן — rye.
ט ר אָ ג ע ד י ק ע — pregnant.
ק אָ ב י ל ע — mare.
אַ ל י אַ ד ע ט אָ ג — any day.
ל אָ ש י ק ע ס — יונגע פֿערדלעך, colts.

און מען קאָן זיי שוין ניט אַרויספֿירן צום אַקער. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די פֿולע, אויסגערונדיקטע זײַטן און פֿויל געצופּט פֿון היי, וואָס איז געלעגן אויף לייטערלעך איבער די קאָריטעס. אויף דער ערד איז געלעגן די קימפּעטאָרין „קאַשאַ", אַ ברוינהאָריקע און אַ יונגע, און אַרומגעלעקט מיט איר צונג איר נײַגעבוירן לאָשיקל, וואָס איז געלעגן לעבן איר מיט די דינע פֿיסלעך פֿאַרפֿלאָכטן איינס אין אַנדערן. וואָלף איז צוגעפֿאַלן צום לאָשיקל, ווי אַ מוטער צו אַ קינד, און צוגעלייגט זײַן רויטע באַק צו דער ווייכער פֿעל.

— „ווי ווילסטו עס אַ נאָמען געבן, וואָלף?" — האָט דער אַלטער ראָך געפֿרעגט, שניצנדיק זײַן ליולקע.

— „כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט און גאָרנישט אויסגעטראַכט," — האָט וואָלף געזאָגט, — דערלאַנג מיר, ראָך, אַ ביסל זאַלץ, וועל איך עס אויסזאַלצן... „קאַשאַ" האָט שוין דעם גאַנצן זאַלץ דערפֿון אָפּגעלעקט."

ראָך איז אַרויפֿגעקראָכן צו די אונטערגעפֿוילטע קראָקוועס, וואו דאָס זאַלץ איז געלעגן, און דערלאַנגט דעם יינגל. וואָלף האָט אויסגעזאַלצן דאָס יונגע באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך נאָך שוואַך אויף די פֿלאָנטערנדיקע דינע פֿיסלעך געהאַלטן, אַזוי ווי די מוטער זײַנע זאַלצט אוים פֿלייש פֿאַרן קאָכן.

די קימפּעטאָרין האָט באַלד אַרומגעלעקט דעם נײַגעבוירענעם אירן.

— „וואָס מער זי וועט עס אַרומלעקן, אַלץ בעסער וועט זי עס אַרומוואַשן," — האָט וואָלף געזאָגט אַ גליקלעכער, דורכפֿירנדיק זײַנע פֿינגער איבער דעם קליינעם, האַרטן בערשטעלע האָר אויף דעם לאָשיקלס בייגעוודיק העלדזל.

ער האָט ליב געהאַט אַלע באַשעפֿענישן אין זייער הויף. ער האָט געקענט אַלע עופֿות, קי, קעלבער. אַפֿילו פֿאַר דעם ביק דעם

קאָריטע — eaves; trough.
קראָקווע — באַלקן, spar of a roof.
פֿלאָנטערנדיקע פֿיסלעך — שוואַכע פֿיסלעך.
עופֿות (אויפֿעס) — fowl.
ביק — bull.

כּעסן, וואָס שטייט צוגעבונדן שטענדיק מיט אַ קייט צו דער קאָריטע, אָפּגעזונדערט פֿון אַלע בהמות, האָט ער ניט קיין מורא געהאַט און אים געגלעט זײַן מעכטיקן האַלדז. אָבער מער פֿון אַלע, אַפֿילו פֿון די הינט, האָט ער ליב געהאַט פֿערד, און נאָך מער לאָשיקלעך. ער האָט געמוזט זײַן שטענדיק אין שטאַל, ווען אַ פֿערד איז געגאַנגען צו קינד, צוגעהאָלפֿן דעם אַלטן ראָך אין אָפּנעמען די לאָשיקלעך.

דער פֿאָטער פֿלעגט אים שלאָגן דערפֿאַר, ווײַל אַ ייִנגל דאַרף זיך ניט מישן צו קיין בהמות, ניט צוקוקן זיך צו אַזעלכע זאַכן. דאָס געהער צום אַלטן ראָך. אָבער קיין שום פּעטש האָבן ניט געהאָלפֿן. וואָלף איז שטענדיק געשטאַנען אין שטאַל אין די ערשטע פֿרילינגטעג, ווען די בהמות קעלבן זיך. גאָרנישט אָפּגעטרעטן איז ער פֿון די פֿערד.

— „דער יונג וועט אויסוואַקסן אַ פֿערדיונג, אַ באַלעגאָלע,“ — האָט דער פֿאָטער נביאות געזאָגט, — „הלוואַי מײַנע רייד זאָלן ניט מקוים ווערן.“

ניין, ער איז ניט געווען צופֿרידן מיט וואָלפֿן, ר׳ הערש רובין. כאָטש ער איז געווען אַ דאָרפֿס־ייִד, אַ באַלעבאָס פֿון אַ היפּשן פֿאָלוואַרק האָט ער פֿון דעסטוועגן ניט ליב געהאַט דאָס דאָרף, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פֿון זײַן שווער, דעם אַרענדאַר.

ר׳ הערש איז געווען אַ שטאָטישער, אַ וואויל־לערנער, וואָס טאַקע דערפֿאַר האָט אים דער שווער זײַנער גענומען פֿאַר אַן איידעם פֿאַר זײַן בת־יחידה און אים אָוועקגעגעבן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן — פֿעלדער אַ סך, גערטנער, סעדער, אַ הויף פֿול מיט געבײַדעס, קי, פֿערד, עופֿות, שײַערן און שטאַלן. נאָכן שווערס טויט איז ער פֿאַרבליבן אין דאָרף, דער פּריץ פֿון הויף, אָבער ער האָט זיך דערצו ניט געקאָנט צוגעוואוינען. די אַרבעט האָבן געטאָן די פּויערים די

קעלבן זיך — געבוירן אַ קאַלב, to calve.
מקוים ווערן (מעקויעם ווערן) — come true.
פֿאָלוואַרק — farm.
גערטנער — gardens.
סעדער — orchards.
שײַער — barn.
הויף — estate.

משרתים, אויך דאָס ווײַב זײַנס, וואָס איז צוגעוואוינט געווען צו דאָרפֿסאַרבעט.

ר׳ הערש האָט ניט געקענט אײַנשפּאַנען קיין פֿערד, מורא געהאַט צוצוגיין גאָר דערצו. כאָטש די הינט זײַנע זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן און געלעקט אים די הענט, האָט ער אַלץ נאָך צו זיי קיין גרויסן צוטרוי ניט געהאַט און שטילערהייט פֿאַר זיי אַפֿילו אַ ביסל מורא געהאַט.

— „אַ כּלב קאָן מען ניט אָנטרויען,״ — האָט ער געמורמלט, אוועקיאָגנדיק די הינט, וואָס זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, לעכצנדיק נאָך אַ גלעט.

ער האָט ניט פֿאַרטראָגן די פּויערים מיט זייערע מגושמדיקע רייד, עיפּושדיקע ליולקעס, רויע געלעכטערס און פֿאַרגרעבטקייט. דערפֿאַר טאַקע, איז ער אָפֿט געפֿאָרן צום רבין, כאָטש ער איז גאָר־נישט אַזאַ הייסער חסיד געווען, און אָפּגעזעסן דאָרט בײַ יעדער נסיעה וואָכן לאַנג, אַבי צו זײַן צווישן ייִדן, ריידן וועגן תּורה, מסחרים, הערן מעשׂיות און שמועסן וועגן מלחמות, וואָס דאַרפֿן קומען.

אין די ווינטער־חדשים, ווען די וועגן זײַנען געווען פֿאַרשאָטן און קיין פֿרעמדע זײַנען ניט געקומען, איז ר׳ הערש אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרלוירענער. ער האָט געביסן די באָרד פֿאַר פֿאַרדרוס, געקנאַקט נערוועז די פֿינגער, אַז מ׳האָט זייער ברעכן זיך געהערט איבער אַלע שטובן, און ער האָט ניט אויפֿגעהערט אַרויפֿרײַסן די אויגן צום געקאַלכטן באַלקן.

— „רבונו־של־עולם, לייז מיך אויס פֿון דאָרף,״ — האָט ער געבעטן, — „ברענג מיך צווישן ייִדן!״

ער האָט תּמיד געהאָפֿט צו פֿאַרקויפֿן דאָס גוט, אָפּגעבן עס פֿאַר אַ העלפֿט די ווערט, און אַרײַנצוציִען זיך אין אַ שטאָט צווישן ייִדן.

ל ע כ צ ן — to yearn, to languish for.

מ ג ו ש מ ד י ק ע (מעגושעמדיקע) ר י י ד — ניט קיין פֿײַנע רייד; רייד מיט אַ גראָבן קול.

ע י פּ ו ש (איפּעש) — שלעכטער ריח, stench.

ד אָ ס ג ו ט — estate.

נאָר עפּעס קיין מאָל האָט זיך קיין קונה ניט געמאַכט. פּונקט אַזוי ווי ער אַליין האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צו די גויאישע זאַכן, אַזוי האָט ער אויך זײַנע יינגלעך אויסגעהיט דערפֿון. ער האָט געהאַלטן צו זיי אַ מלמד און געזען, זיי זאָלן לערנען חומש און רש״י, גמרא און חשבון. טאָמער האָט עמעצער פֿון זיי געוואָלט צוגיין צו אַ פֿערד, האָט ער אָנגעשריִען:

— „רירט ניט די בהמות, איר וועט פֿאַרגעסן ס׳לערנען.

דעם איינציקן, וואָס ער האָט ניט געקאָנט אָוועקשלעפּן פֿון די גויים און בהמות, איז געווען וואָלף. פֿון קינדווײַז אָן האָט דאָס יינגל ניט געהאַט קיין קאָפּ צו דער תורה, אַרויסגעוויזן זאַכן, וואָס האָבן ר׳ הערשן אָנגעפֿילט מיט מורא. ער האָט זײַן האַנט אַרײַנגעפּאַקט צו די גרעסטע הינט אין די מײַלער אַרײַן, אין די ציין זיי פֿאַרקראַכן, און ניט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אָנבײַסן. ער האָט זיך געקוליעט מיט די הינט אויף דער ערד. ער האָט געכאַפּט פֿייגל און זיי פֿאַרהיימישט. ווינטער, ווען אַ האַלב דערפֿרוירענער פֿויגל פֿלעגט קלאַפּן מיט די פֿליגל אין דער פֿראָסטיקער שויב, מען זאָל אים אַרײַנלאָזן, פֿלעגט ער דעם פֿויגל דערוואַרעמען, הויכן אים אַזוי לאַנג מיט דער פּאַרע פֿון מויל אין שנאָבל אַרײַן, ביז ער האָט אים אויפֿגעלעבט און אים געזונט געמאַכט. אויך האָט ער געקענט אַרומבינדן אַ פֿוס בײַ אַ צעבלוטיקטן הונט, וואָס אַ שטאַרקערער כּלבֿ האָט אים אַ ביין אײַנגעביסן אין אַ געשלעג צוליב אַ צויג. טאָמער איז אַ פֿרעמדע קו פֿאַרקראָכן אין זייערע פֿעלדער, האָט ער ניט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט זי ניט פֿאַרנומען בײַ די הערנער און אָפּגעפֿירט אין שטאָל אַרײַן, האַלטנדיק זי אַזוי לאַנג, ביז דער באַלעבאָס אירער איז ניט געקומען מיט אַ גילדן זי אויסצולייזן פֿאַרן שאָדן, וואָס זי האָט געמאַכט.

ר׳ הערש האָט זיך געבייזערט:

— „יונג, איך וויל ניט האָבן צו טאָן מיט די ערלים, טרײַב אַרויס די קו!״

אָבער וואָלף האָט ניט געוואָלט הערן.

חשבון (כעזשבן) — אין דעם פֿאַל: אַריטמעטיק.
צויג — bitch.
ערל (אָרל), **ערלים** (אַריילים) — גוי, גויִם.

— „פֿאַר וואָס, אַז אונדזערס אַ בהמה גייט צו זיי אין די פֿעלדער, פֿאַרנעמען זיי יאָ און פֿאַדערן אויסקויפֿגעלט?" — האָט וואָלף געזאָגט מיט הארץ. — „אונדזערע פֿעלדער זײַנען אויך ניט הפֿקר!"

פֿאַר קיין שקצים האָט ער ניט מורא געהאַט, געשטאַנען תּמיד גרייט מיט די הענט און פֿיס אָפּצושלאָגן יעדן, וואָס וועט אים אָנרירן. אין גאַנצן איז אים דער קאָפּ געלעגן אין די פֿערד. ער איז געריטן אויף די שטאַרקסטע פֿערד אָפּילו אָן אַ צוים, בלויז האַלטנדיק זיך בײַ די גריוועס. ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער פֿערדישע בײַכער און אָפּגערייניקט זיי דאָס מיסט מיט אײַזערנע קאַמען. טאָמער האָט זיך אַ יונג, אומגעקאָוועט פֿערדל אַ פֿוס פֿאַרשטאָכן אין גלאָז, אָדער אַ טשוועקל אַרײַנגענומען אין דער טלאָ, האָט ער אונטערגעהויבן דעם פֿערדס פֿאַרוואונדעטן פֿוס, פֿאַרלייגט אים אויף זײַן קני, און אַזוי לאַנג געהיילט און געבונדן, ביז ער האָט דעם חולה אויסגעהיילט. ער האָט דעם בייזסטן פֿערד געפּענטעט די פֿאָדערשטע פֿיס, עס זאָל ניט ווײַט אַוועק פֿון דער פּאַשע, און ווילדע אָגערס די ציין אין די מײַלער געציילט, כּדי צו וויסן וויפֿל יאָרן זיי האָבן. מער פֿון אַלץ האָט ער געקלעפּט צו לאָשיקעס, צו די יונגע פֿערדלעך. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעלאָפֿן מיט זיי אויף דער לאָנקע, אָפּגעהיט זיי און קיינעם פֿון די דאָרפֿישע יינגלעך ניט געלאָזט זיך אַרויפֿכאַפּן אויף זיי רײַטן, ווײַל דאָס שאַדט יונגע פֿערדלעך צו זייער וואוקס.

פֿאַר דעם לעצט געלט פֿון פֿאַרבײַפֿאַרנדיקע סוחרים, פֿאַר חנוכּה־געלט, וואָס ער האָט געקריגן פֿון דער מוטער, פֿאַר יעדן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן האָט ער בײַ אַ פּויער אַ לאָשיקל אײַנגעהאַנדלט, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער עס אויסגעהאָדעוועט

צ ו י ם — .bridle

ג ר י ו ו ע — .mane

ק אָ ו ו ע ן — .to shoe a horse

ט ל אָ — דער אונטערשטער טייל פֿון פֿערדס פֿוס, וואָס מען שלאָגט אַרויף אויף דעם די פּאַדקעווע (horseshoe).

ג ע פּ ע נ ט ע ט — געבונדן.

פּ אַ ש ע — .pasture

אָ ג ע ר ס — .stallions

אין אַ פֿערדל אַ צאַצקע. אַפֿילו אין שטוב פֿלעגט ער די יונגע פֿערד־לעך אַרייַנפֿירן און צוקער זיי געגעבן צו נאַשן.

דער פֿאָטער האָט געשריִען, געפּאַטשט, געטענהט, אַז פֿון דעם יונג וועט אויסוואַקסן אַ גוי. אָבער וואָלף איז פֿון זייַנע פֿערד ניט אָפּגעטראָטן. פֿון דעם רבינס חומש איז ער אַוועק און געלאָזט זיך צו דער לאָנקע.

— „ר׳ הערש,״ — האָט דער מלמד זיך געקלאָגט, — „ס׳אַן עבֿירה דאָס מלומד־געלט, וואָס איר צאָלט מיר פֿאַר דעם יינגל. איך בין ניט זייַן מלמד, זייַן רבי איז דער אַלטער גוי...״

— „שלאָגט אים, ברעכט אים די ביינער,״ — האָט ר׳ הערש זיך געבעטן, — „איך היים אייַך!״

— „ווער האָט כּוח צו אים,״ — האָט דער מלמד געענטפֿערט אַ פֿאַרשעמטער, — „איך דאַנק גאָט, אַז ער שלאָגט מיך ניט. אַזאַ גיבור!...״

ר׳ הערש האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געברומט מיט כּעס צו דער זייַט פֿון זייַן ווייַב, דער אַרענדאַרישער טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן מיטן יינגל.

— „דער מאַמעס זון,״ — האָט ער געמורמלט זיך אין דער באָרד אַרייַן, — „ס׳אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך.״

2

אַז וואָלף איז אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר און נאָך סוכּות געדאַרפֿט שטעלן זיך צום מיליטער, האָט ר׳ הערש געוואָלט פֿאַרקויפֿן עטלעכע אַקער ערד און אַ פּאָר בהמות, כּדי פֿאַר דעם געלט אויסצולייזן דעם זון פֿון זייַנעם פֿון גויאישע הענט. וואָלף האָט ניט אַרויפֿגעלאָזט אויף דער שוועל קיין פּויער, וואָס איז געקומען ריידן וועגן קויפֿן ערד.

מלומד־געלט (מעלומאַד) — דאָס געלט וואָס מען צאָלט דעם מלמד.

— „גייט מיט גאָט, פּעטערל!" — האָט ער געטריבן די קונים.

— „מיר פאַרקויפן ניט."

דער פּאָטער האָט אים גערעדט צום שׂכל:

— „ווי נאָר דו וועסט באַפרײַט ווערן, גראָבער קאָפּ, וועט מען דיר ריידן גוטע שידוכים מיט נדן, און מיר וועלן דאָס אַרײַנגעלייגטע געלט צוריקקריגן, נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער."

וואָלף האָט ניט געוואָלט הערן. ווי אַלע שקצים אין דאָרף, וואָס ווערן איין און צוואַנציק יאָר אַלט, האָט ער געלאָזט זיך אויפנייען אַ פּאָר גוטע שטיוול, פון ברעטלעך אַ קעסטל זיך געמאַכט, כּדי צו האָבן אין וואָס אײַנצופּאַקן די זאַכן, אָפּגעפּאַרבט עס אויף גרין, אַ באַשליק זיך אײַנגעהאַנדלט, אויך אַ שעפּסן היטל. צו גלייך מיט אַלע דאָרפֿמיונגען, איז ער אַוועק אין שטאָט אַרײַן צו שטעלן זיך פּאַר די דאָקטוירים און אָפיצירן, וואָס קלײַבן מענער פּאַר דעם קייזערס דינסט.

— „דײַן נאָמען און פֿאַמיליען-נאָמען?" — האָט דער פּעטער, רויטבערדיקער נאַטשאַלניק געפרעגט בײַם נאַקעטן צעוואַקסענעם יונג.

— „וואָלף רובין," — האָט דער נאַקעטער געענטפערט.

— „באַשעפטיקונג?"

— „אַ פויער."

— „געזונט?"

— „געזונט!"

דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעריבן מיט דער פּעטער האַנט צום ערשט איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע, און אויסגעגלאָצט די אויסגעוויישטע אויגן אויף דעם נאַקעטן יונג.

— „אַ ייד?" — האָט ער געפרעגט מיט שטוינונג.

— „אַ ייד!" — האָט דער נאַקעטער יונג געענטפערט.

מ י ט אַ ס מ י ט ש י ק אַ ר י ב ע ר — נאָך מער ווי מען האָט געהאָט.

ב אַ ש ל י ק — אַ וואַרעמער איבערדעק איבערן גאַנצן קאָפּ. מען טראָגט אַ באַשליק איבערן היטל.

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק — עלצטער.

א ו י ס ג ע ג ל אָ צ ט ד י א ו י ג ן — opened wide his eyes.

דער דיקער פּאַרשוין האָט זיך אויסגעדרייט צו די דאָקטוירים און מיליטער־לײַט און גערופֿן:

— „גאָספּאָדאַ, קומט זען עפּעס שיינס. אַ ייִד אַ פּויער, און זאָגט, אַז ער איז געזונט.“

אַלע זײַנען צוגעגאַנגען צום נאַקעטן יונג און אים באַטראַכט מיט אָפֿענע אויגן.

צווישן די אַלע שטעטלשע בחורים איז וואָלף רובין געשטאַנען אַ גלײַכער, אַ פֿעסטער, אַ שטאָלצער מיט זײַן כּוח און געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אַרום זיך.

— „זדראַוו!“ — האָט ער הויך געענטפֿערט אויף אַלע דאָקטערישע פֿראַגעס.

די מיליטער־לײַט האָבן אָנגעקוואָלן.

— „גוט געבויט!“ — האָט דער דאָקטער געלויבט אים. — „ברייט אין די אַקסלען און שמאָל אין דער טאַליע, אויגן קלאָרע, ציין איינס און איינס.“

— „און פֿיס הויכע,“ — האָט דער אָפֿיציר געמורמלט, טאַפּנדיק מיט די הענט איבער דעם יונגס שטאַרקע, געטאָקטע פֿיס, — „וועט גוט זײַן אין דער קאַוואַלעריע.“

— „צוגענומען!“ — האָט דער עלצטער הויך אויסגערופֿן און אַ פּאַטש געטאָן דעם צוגענומענעם איבער דער פּלייצע, ווי מען גיט אַ פּאַטש אַ גוט פֿערד, וואָס מען האָט אײַנגעהאַנדלט.

פֿאַר די פֿיר וואָכן צײַט, ביזן צושטעלן זיך צום פּאָלק, האָט וואָלף געמאַכט אָרדענונג אין די שטאַלן. ער האָט אויספֿאַרריכט די צוימען, אויסגעלאַטעט די כאָמוטן, די פֿערד געפּוצט און גערייניקט, און ניט אויפֿגעהערט טוליען דאָס פּנים זײַנס צו זייערע העלדזער און קעפּ.

גאָספּאָדאַ — אַ רוסיש וואָרט; באַטײַט gentleman.
זדראַוו — אַ רוסיש וואָרט; באַטײַט — געזונט.
אָנגעקוואָלן — הנאה געהאַט, געווען שטאַרק צופֿרידן.
טאַליע — waist, figure, shape.
געטאָקטע פֿיס — פֿיס וואָס זעען אויס פּונקט ווי מען וואָלט זיי אויסגעשניצט (carved).
כאָמוט — horse's collar.

— „טאַטע, זאָלסט ניט פֿאַרקויפֿן, הערסט?" — האָט ער יעדן טאָג אויף ס'נײַ געבעטן בײַם פֿאָטער. — „די עטלעכע יאָר דינסט וועלן פֿאַרבײַלויפֿן און איך וועל אַ נעם טאָן זיך צו דער אַרבעט. נאָר ניט פֿאַרקויפֿן, טאַטע!"

— „אָסור, אויב ער וועט אַזוי בענקען נאָך טאַטע־מאַמע, ווי נאָך די פֿערד," — האָט ר' הערש געזאָגט מיט פֿאַרדראָס.

ווי פֿון אַלע רעקרוטן, נאָך פֿון ייִדן דערצו, האָט דער אונ־טער־אָפֿיציר, דער רײַטלערער, געפּרואווט מאַכן חוזק פֿון דעם רעקרוט וואָלף רובין.

— „אויף אַ פֿערד דאַרף מען זיצן מיטן פּנים צום קאָפּ, ניט צום וויידל," — האָט ער אים געלערנט מיט אַ געמאַכטן ערנסט, — „און אַז דאָס פֿערד לויפֿט, דאַרף מען ניט שרײַען „טאַטעלע־מאַמעלע", נאָר האַלטן זיך אין זאָטל, פֿאַרשטאַנען?"

וואָלף האָט ניט איבערגעשלאָגן און שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם גוים וויצן. צו ערשט האָט דער אונטער־אָפֿיציר אים געלאָזט אַרומרײַטן לאַנגזאַם איבער דעם רונדן רײַטפּלאַץ. מיט אַ מאָל האָט ער געגעבן אַ קנאַל מיט דער בײַטש דעם פֿערד איבער די פֿיס, און הילכיק געלאַכט צו די עלטערע קאַוואַלעריסטן:

— „זעט, ווי ער וועט פֿליִען!" — האָט ער נבֿיאות געזאָגט. — „האַ, האַ!"

אָבער וואָלף האָט באַצײַטנס פֿאַרצויגן פֿעסט די לייצעס און די קני אין די פֿערדישע זײַטן אײַנגעקלאַמערט. דאָס פֿערד, גע־וואוינט צו רעקרוטן שלימזלען, האָט זיך געשטעלט אויף די הינ־טערשטע פֿיס, כּדי דעם אײַנגעעקשנטן רײַטער אַראָפּצוּוואַרפֿן. וואָלף איז געזעסן פֿעסט אין זאָטל. דאָס פֿערד האָט געפּרואווט אים נעמען מיט אַ קונץ. מיט אַ מאָל האָט ער צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אונטערגעגעבן זיך, פּלוצעם אײַנגעבויגן די פֿאָדערשטע פֿיס, און מיט די הינטערשטע אַ האַסטיקן שפּרונג געטאָן, כּדי דעם רײַטער אַריבערצוּוואַרפֿן פֿון פֿאָרנט, איבערן קאָפּ. וואָלף

אָ ס ו ר (אָסער) אויב — absolutely sure.

ו ו י י ד ל — עק, tail.

ל י י צ ע ס — reins.

אײַ נ ג ע ק ל אַ מ ע ר ט — פֿעסט צוגעדריקט.

האָט באַציִיטנס אויפֿגעכאַפּט דעם פֿערדס קונץ, און זיך פֿון זאָטל נישט געלאָזט אַרויסשאָקלען. דאָס פֿערד האָט אויסגעבויגן דעם שלאַנקן האַלדז, מיט די קלוגע אויגן באַטראַכט דעם רײַטער און אונטערגעגעבן זיך. דער אונטער־אָפֿיציר איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל און אַ פֿאַרריסענער נאָז.

— „אַזאַ פֿויגל ביסטו?״ — האָט ער געזאָגט מיט פֿאַרדרוס און דרך־ארץ גלײַכצײַטיק. — „גוט, וועסטו לערנען אַנדערע רעקרוטן רײַטן.״

די דינסט איז וואָלפֿן געגאַנגען גלאַט, ווי אויף פּוטער. ער איז געווען אַ גוטער רײַטער, אַ פּינקטלעכער צילער, אַ בריה אין פֿעכטן און אין שפּרינגען. די זעלנערישע תּורה מיט אַלע טיטולן פֿון קייזער און די הויכע לײַט האָט ער געקענט פֿון אויסנווייניק. אויף יעדן „סמאָטר״, ווען אַ גענעראַל איז געקומען און מען האָט גע־דאַרפֿט אַרויסשטעלן דעם בעסטן זעלנער, האָט מען וואָלפֿן אַרויס־געשטעלט. נאָכן ערשטן יאָר האָט ער געקראָגן אַ בענדל. אַ ביסל שפּעטער נאָך איינס. פֿאַר גוט שיסן האָט ער געקראָגן אַ גראָבן ציבעלע־זייגער מיט אַן אויפֿשריפֿט אויסגעקריצט. ער וואָלט גע־קריגן אַ דריט בענדל אויך, נאָר אַ ייִד האָט מען מער פֿון צוויי בענדלעך נישט געגעבן. די בריוו זײַנע אַהיים זײַנען גאָרנישט געווען קיין טרויעריקע, ווי מערסטנס ייִדיש זעלנערישע בריוו. צוזאַמען מיט די גרוסן צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, האָט ער אויך יעדעם פֿערד און לאַשעק, יעדע קו און קאַלב געלאָזט גריסן, אויסגעפֿרעגט זיך וועגן זייער געזונט, און פֿאַרענדיקט האָט ער מיט דער שטענדיקער בקשה:

— „טאַטע, פֿאַרקויף גאָרנישט פֿון באַלעבאַטישקייט אַרויס. לאָמיך

פֿ אַ ר ר י ס ע נ ע ר נ אָ ז — אויפֿגעהויבענער קאָפּ פֿון פֿאַר־וואונדערונג.

צ י ל ע ר — aimer.

פֿ ע כ ט ן — to fence.

ס מ אָ ט ר — אַ רוסיש וואָרט, military inspection.

צ י ב ע ל ע ־ ז י י ג ע ר — ציבעלע איז: onion; אַ זייער ביליקן און דיקלעכן קעשענע־זייגער האָט מען אַזוי גערופֿן.

נאָר צוריקקומען פֿון „פֿאָניען" און איך וועל זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט."

נאָך דרײַ יאָר מיט אַכט חדשים דינסט, איז וואָלף אַהיים גע־קומען אַן אויסגעפּוצטער אין נײַע זעלנערישע קליידער פֿון אַ קאַ־וואַלעריסט, מיט קנעפּ, לאַמפּאַסן און צוויי בענדלעך, אויסגעשמיסן פֿון זון און ווינטן, אָפּגעברענט, שטאַרק און פֿריילעך. זײַנע וואָנ־צעלעך, וואווילעריש פֿאַרשווירן, האָבן געשפּראָצט מיט מענלעכקייט און חן. אָבער ער האָט דאָס גוט זייערס מער ניט געטראָפֿן בײַ טאַטע־מאַמע. פֿרעמדע זײַנען דאָרט געזעסן. טאַטע און מאַמע האָבן געוואוינט אין שכנישן שטעטל, אַ שטעטעלע אַ קליינס, אַן אײַנ־געהויקערטס, אַ מרה־שחורהדיקס און פֿאַרמיסטיקטס. צווישן אַלע קרעמערס, איז אויך זײַן פֿאָטער געזעסן אין דער טונקעלער שניט־קראָם זײַנער און געקוקט אויף די סחורות, וואָס זײַנען קרומלעך געלעגן אין די פֿאַכן, און געוואַרט אויף אַ קונה, וואָס איז ניט געקומען.

— „פֿאַר וואָס האָסטו פֿאַרקויפֿט?" — האָט וואָלף געפֿרעגט אַ פֿאַרביטערטער. — „איך האָב דיך אַזוי געבעטן ניט פֿאַרקויפֿן!"

— „כ'האָב מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן אין דאָרף," — האָט דער פֿאָטער געזאָגט, — „איך האָב געוואָלט זײַן אַ ייִד צווישן ייִדן."

וואָלף האָט אַן איבעריקער אַרויסגעלאָזט זיך איבערן שטעטל. פֿון אַלע קרעמלעך, דורך פֿענצטער און טירן, האָבן קעפּ אַרויסגע־קוקט. מיידלעך האָבן אים געגעסן מיט די אויגן. חדר־ייִנגלעך זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן און מיט חידוש באַטראַכט זײַן קאַוואַלעריסטישן מונדיר און די בענדלעך אויף די עפּאָלעטן. דער סטראַזשניק אין מאַרק האָט אַפֿילו אים געגריסט מיליטעריש.

פֿ אָ נ י ע — nickname of a Russian; די ייִדן פֿלעגן מיט שפּאָט רופֿן די רוסישע רעגירונג און אירע באַאַמטע „פֿאָניע"; צוריקקומען פֿון פֿאָניען מיינט פֿריי ווערן פֿון דער רוסישער אַרמיי.

ל אַ מ פּ אַ ס ן — stripes on one side of the pants; דאָס פֿלעגן טראָגן רוסישע מיליטער־לײַט.

ש נ י ט ק ר אָ ם — drygoods shop.

פֿ אַ כ ן — open drawers, layers.

ח י ד ו ש (כידעש) — באַוואונדערונג.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק — פּאָליציי־מאַן.

עטלעכע וואָכן צײַט איז ער אַלץ אַרומגעגאַנגען אין די זעלנערישע קליידער. דער פֿאָטער האָט אים געמוסרט:

— „וואָלף, קריך אַרויס פֿון פֿאָניעס בגדים! טו אָן צוריק די ייִדישע מלבושים. ס'איז מיר אַ בושה פֿאַר לײַטן."

וואָלף האָט ניט געענטפֿערט. שדכנים האָבן גענומען אָפּשלאָגן די שוועל בײַ ר' הערשן אין קראָם און ריידן וואָלפֿן שידוכים. טאַטעס פֿון כּלה־מיידלעך האָבן זיך גענומען דרייען און ריידן וועגן תּכלית. וואָלף האָט געשוויגן. אויף גאַנצע טעג פֿלעגט ער אַוועקגיין, צוגיין צו פֿוס ביז זייער פֿאָלוואַרק, באַטראַכטן די ערד, די געבײַדעס, די פֿערד אויף די לאָנקעס און צוריקקומען אַ ביטערער אַהיים. אַ סך מאָל פֿלעגט ער גאָר זיך אַוועקלייגן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת און שלאָפֿן, אָפּשלאָפֿן טאָג און נאַכט. נאָך עטלעכע וואָכן אַזוי שווײַגן און אַרומקריכן, האָט ער פּלוצעם אויסגעטאָן די זעלנערישע קליידער, פֿאַרקויפֿט זיי פֿאַר וויפֿל נאָר מען האָט אים געגעבן. אויך דעם ציבעלע־זייגער, וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתּנה פֿאַר גוט שיסן, האָט ער פֿאַרקויפֿט. אײַנפּאַקנדיק אין גרינעם זעלנערישן קעסטל זײַנעם אַ ביסל וועש, אַ נאָדל־פֿאָדעם און אַנדערע זאַכן, וואָס אַ מענטש דאַרף אין וועג, האָט ער זיך אין איינעם אַ טאָג געלאָזט צו דער גרענעץ און אָן אַ זײַ־געזונט אַריבערגעשוואַרצט זיך קיין גאַליציע. ערשט פֿון יענער זײַט גרענעץ האָט ער אָנגעשריבן אַ קאַרטל אַהיים.

„ליבע טאַטע־מאַמע," — האָט ער געשריבן אויף דעם אַנזיכטס־קאַרטל, אויף וועלכן דער קייזער פֿראַנץ יאָזעף איז געווען אויסגעמאָלט אין זײַן גאַנצער קייזערלעכער פּראַכט, — „איך פֿאָר קיין אַמעריקע אָנהייבן אָן אַנדער לעבן. אַז כ'וועל מיך דערשלאָגן צו עפּעס, וועל איך שרײַבן."

גע מו ס ר ט (געמוסערט) — געשטראָפֿט, אויסגערעדט.

מלבושים (מאַלבושים) — קליידער.

שדכנים (שאַדכאָנים) — matchmakers.

תּכלית (טאַכלעס) — רעזולטאַט, practical purpose, result; אין דעם פֿאַל מיינט עס אַז דער רעזולטאַט זאָל זיין אַ שידוך (שידעך) match.

מעת־לעת (מעסלעס) — אַ טאָג און אַ נאַכט.

אַריבערגעשוואַרצט זיך — אַריבערגעגנבֿעט זיך.

אַנזיכטס־קאַרטל — picture post-card.

ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק בײַם שטיין צום מיליטער, אַזוי אויך איצט אויף דער שיף, וואָס האָט פֿאַראַנקערט בײַם ברעג אין ניו־יאָרק, איז דער עמיגראַנט וואָלף רובין געווען אַן אויסנאַם צווישן די איבעריקע ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי צום קאַראַנטין־דאָקטער אויף לאָזן זיך באַטראַכטן.

די עטלעכע וואָכן שאָקלעניש פֿון האַמבורג ביז ניו־יאָרק אויפֿן סאַמע שפּיץ נאָז פֿון דער אַלטער שיף האָבן וואָלפֿן די קישקעס ניט אַרויסגעשאָקלט, ווי מערסטע מיטפֿאָרערס זײַנע. געוואוינט צו רײַטן, האָט ער זיך פֿון דעם שיף־טרייסלעניש גאָרנישט געמאַכט. ער איז כּסדר אַרומגעגאַנגען איבערן דעק, צוגעקוקט זיך צו דער אַרבעט פֿון די מאַטראָסן, אָפּגעברענט זיך פֿון דער זון, אויסגעשמיסן דאָס פּנים אין די ווינטן און שטורעמס, און יעדער מאָל, וואָס דער דעק־מאַטראָס האָט אויסגעטרומייטערט דעם סיגנאַל אויף עסן, האָט ער גיך אַראָפּגענומען פֿון דער וואַנט דאָס קעסעלע מיטן לעפֿל, וואָס האָבן געהאַנגען אויף אַ נאָגל איבער זײַן בעטל, און געלאָזט זיך צום קוכער אין פֿאַררייכערטן ווײַסן ספּאָדעק אויפֿן פּעטן, רונדן קאָפּ.

עסן איז געווען אַ סך. מערסטע פּאַסאַזשירן האָבן געקרענקט און קיין לעפֿל עסן אין מויל אַרײַן ניט גענומען. פֿרומע ייִדן האָבן דאָס טריפֿענע עסן ניט געוואָלט פֿאַרזוכן און אָפּגעקומען מיט טרוקנס. דער קוכער האָט דערפֿאַר וואָלפֿן אָנגעגאָסן אין זײַן קעסעלע אַרײַן מיט דער ברייטער האַנט, גרויסע פּאָרציעס פֿלייש אים צוגעשאַרט, אויך איבער גענוג ברויט אים אונטערגערוקט. וואָלף האָט געגעסן מיט זעלנערישן אַפּעטיט און די מאַטראָסן צוגעהאָלפֿן אין דער אַרבעט, כּדי אַ ביסל אויפֿצורודערן די כּוחות. פֿרומע ייִדן בלייבע און אויסגעקרענקטע, ווי נאָך אַ תּענית, האָבן אויפֿגעהערט

קעסעלע — small kettle.

קוכער — cook.

ספּאָדעק — high cap.

תּענית (טאָנעס) — אַ טאָג פֿון פֿאַסטן.

אַ ווײַלע זאָגן תּהילים, באַטראַכט דעם יונג, ווי ער רײַבט די טריפֿענע מאַכלים אויף אַלע ציין, און שטילע קרעכצן צו אים געשיקט:

— „נאָך צום ברעג ניט צוגעקומען און עסט שוין טריפֿות," — האָבן זיי געברומט איינער צום אַנדערן און נאָך געשמאַקער זיך גענומען צום תּהילים־זאָגן, געבעטן גאָט, ער זאָל אָפּהיטן די הוידל־דיקע שיף פֿון די בייזע, יאַגנדיקע כוואַליעס.

צווישן אַלע בלאַסע, אויסגעקרענקטע, פֿאַרחושכטע לײַט, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי פֿאַרן קאַראַנטין־דאָקטער, האָט וואָלף, אַ רויטבאַקיקער, אָן אָפּגעברענטער, אַ קרעפּטיקער און פֿרישער, אַרויסגעשײַנט מיט אַלע חנען פֿון יוגנט און כּוח.

— „איין יודע?" האָט געפֿרעגט אין דײַטש דער באַאַמטער אין גרינעם מונדיר, קוקנדיק אין די פּאַפּירן מיט חידוש אויף דעם מאַנס באַשעפֿטיקונג.

— „אַ ייִד!" — האָט וואָלף געענטפֿערט, אויסציִענדיק זיך זעל־נעריש, ווי ער איז עס געוואוינט געווען פֿאַר די עטלעכע יאָר דינסט, ווען ער זעט אַ מונדיר מיט קנעפּ פֿאַר זיך.

דער דאָקטער האָט אים אַפֿילו ניט רעכט באַטראַכט; אַ בליק געטאָן אויף זײַנע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעגלאַנצט פֿון אָפּגעברענטן פּנים, אויף די פֿינגער פֿון די שטאַרקע הענט, און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע, צוואווינקנדיק מיט אַ פֿריילעך אויג. פּונקט אַזוי האָט צו אים געשמייכלט דער מאַן אין ווײַסן פֿאַרטעך, וואָס האָט אים געשטעלט פּאָקן אויף דער האַנט.

— „גוטע מוסקולן," — האָט ער געלויבט, אַרומטאַפּנדיק די פֿעסטע האַנט פֿאַרן אײַנשפּריצן מיט דער נאָדל, — „אַזעלכע הענט דאַרפֿן מיר אין אַמעריקע."

וואָלף איז אַראָפּ מיט זײַן גרין געפֿאַרבט זעלנעריש קעסטל אין נײַעם לאַנד, גרייט צו געבן אים די מוסקולעזע הענט זײַנע, וואָס אַזעלכע דאַרף מען אין אַמעריקע. אָבער קיינער האָט די הענט זײַנע ניט גענוצט צו דעם, וואָס זיי זײַנען געווען בכּוח. צוזאַמען

תּהילים — Psalms.

הוידלדיקע שיף — די שיף וואָס וויגט זיך, וואַרפֿט זיך אויפֿן ים.

חנען (כיינען) — charms.

צוואווינקען — to wink.

מיט די אויסגעבלייכטע יידלעך האָט מען אים געפֿירט צו עפּעס א געדיכטער גאַס, איבער ווערלכער א באַן איז מיט א קנאַלעריי אריבערגעלאָפֿן אין דער הייך. ווי אַלע, האָט מען אים אַרײַנגע־פּאַקט אין א הכנסת־אורחים־הויז, געגעבן עסן און אים פֿאַרשריבן אויף אַרבעט צו א קליינוויקסיק גאַליציאַנער ייִדל, וואָס האָט גע־רעדט דײַטשמעריש און געדאַרפֿט מענטשן צו מאַכן ציגאַרן. אין א גרויסן האָל מיט פֿאַרשטויבטע און פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער, דורך וועלכע קיין ברעקל זון און לופֿט איז ניט אַרײַן, בײַ לאַנגע טישן, זײַנען געזעסן מענער און ווײַבער, פֿאַרדאַרטע, בלייכע, מיט מידע אויגן און שלאַבעריקע אבֿרים און גיך געפֿאַרעט זיך בײַ די ברוינע בלעטער, אונטערהוסטנדיק פֿון שטויב און האַרבקייט.

— „וואָס זינד זי פֿון צו האוזע?” — האָט דאָס קליינע ייִדל געפֿרעגט בײַם גרויסן, צעוואַקסענעם יונג, אַרויפֿקוקענדיק צו אים אין דער הייך.

וואָלף האָט ניט פֿאַרשטאַנען דעם ייִדנס לשון.

— „וואָועס זענען זי געוועזן אין ריסלאַנד, וואָועס? פֿרעג עך זי,” — האָט דאָס ייִדל אויסגעביטן זײַן דײַטש אויף א גאַליציאַנער ייִדיש.

— „ערד געאַרבעט,” — האָט וואָלף געזאָגט, — „איך בין פֿון א דאָרף.”

— „הם... איין באַוער,” — האָט דאָס ייִדל געזאָגט מיט א שמייכל, — „זעצן זי זיך צום טיש און טוען זי דאָס, וואָס אַלע טוען, נאָר גיך! זי האָבן, קיין עין־הרע, א פּאָר ידים, ווי איין ערל.”

וואָלף האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש צו דער אַרבעט,

הכנסת־אורחים־הויז (האַכנאַסעס אָרכים) — א הויז פֿאַר היימלאָזע מענטשן.

דײַטשמעריש — ייִדיש, געמישט מיט א סך דײַטשישע אויס־דרוקן און ווערטער.

פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער — פֿענצטער מיט קראַטעס (iron bars).

שלאַבעריקע אבֿרים (אייוורים) — שוואַכע גלידער (limbs); frail body.

באַוער — א דײַטש וואָרט: פּויער, peasant.

ידים (יאַדאַיִם) — הענט, גרויסע, שטאַרקע הענט.

אָבער די הענט זײַנע, די קרעפּטיקע און געשיקטע, האָבן זיך גאָר־נישט אויסגעטויגט צו די ברוינע טאַבאַק־בלעטער. ער האָט כּסדר צעריסן די איידעלע בלעטער אין זײַנע גראָבע הענט. די אַרבעטער האָבן פֿון אים געלאַכט. דער באַלעבאָס האָט אים געטרייסט:

— „דער אָנפֿאַנג איז שווער, ווי די תּלמודיסטן זאָגן, כּל התחלות קשות. אָבער מאַכן זי זיך ניט קיין זאָרג. זי וועלדען עס שפּעטער גוט מאַכן. געוואוינהייט."

אָבער וואָלף האָט זיך ניט צוגעוואוינט. די דינע בלעטער האָבן גלײַך געפּלאַצט, ווי נאָר ער האָט צו זיי אַ פֿינגער צוגעלייגט. נאָך עטלעכע טעג האָט אים דער באַלעבאָס אָוועקגעשיקט:

— זי זינד איין פויערן־קאָפּף," — האָט ער אים געמוסרט, — נישט פֿאַר איין איידעלער מלאכה באַשאַפֿען."

אין הכנסת־אורחים האָט מען אים צו אַן אַנדערער אַרבעט געשיקט, צו אַ שנײַדער־שאַפּ, נייען קנעפּלעך צו הויזן. אָבער אויך דאָ האָבן וואָלפֿס הענט ניט אויסגעטויגט זיך. די נאָדל האָט זיך פֿאַרלוירן צווישן זײַנע שטאַרקע פֿינגער. די אַרבעט איז געקראָכן, ווי פֿון פּעך.

— „מיט אַזאַ נייען ווערסטו פֿאַרדינען וואַסער אויף קאַשע," — האָט דער מײַסטער אים געזאָגט, — „ווי אַ בלײַענער פֿויגל זיצסטו... נאַ, זע, ווי מ'אַרבעט!"

ער האָט אים צוגעפֿירט צו אַ קליינגעוויקסיקער, דאַרער מיידל, וואָס די נאָדל אין אירע בלייכע פֿינגער איז געלאָפֿן מיט אַ ווילדער גיכקייט, און אים געלערנט ווי צו טאָן.

— „זעסט, ווי קליין זי איז, אַזוי גרויס געלט מאַכט זי... לערן זיך!"

אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט לערנען. די פֿינגער זײַנע זײַנען ניט געגאַנגען. די הענט, וואָס האָבן אַזוי פֿלינק געקאָנט אומגיין מיט אַ שנײַדמעסער און אַן אַקער, מיט פֿערדישע לייצעס און מיט אַ זעלנערישער ביקס, זײַנען געוועזן שלימזלדיק מיט אַ נאָדל און פֿאָדעם, אומגעשיקט בײַ דער קליינער און נודנער

כּל התחלות קשות (קאָל האַסכאָלעס קאַשעס) — יעדער אָנהייב איז שווער.

בלײַענער פֿויגל — nickname for a very slow person.

ווײַבערישער אַרבעט. ער האָט זיך ניט געהאַלטן לאַנג אויף קיין אָרט. ער איז געגאַנגען פֿון שאָפּ צו שאָפּ, פֿון נייען קנעפּלעך צו ציִען פּאַסטריגעס, פֿון צוטשעפּען העקעלעך ביז אויסנייען לעכלעך. אָבער מער ווי געלעכטער פֿון די מיידלעך און חוזק פֿון די מײַסטערס האָט ער אַהיים ניט געברענגט.

אין איינער אַ הייסער נאַכט ווען היץ, פֿליגן און וואַנצן האָבן עקשנותדיק געגריזשעט די שווייסיקע קערפּערס פֿון די מענטשן אין די שטיקנדיקע צימערלעך און דער „על" האָט ניט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן אין די מידע, צעהיצטע קעפּ, האָט וואָלף אַרויסגענומען זײַן מאַטראַץ אויפֿן דאַך און אַוועקגעלייגט אים צווישן די פֿיל אַנדערע מאַטראַצן, וואָס זײַנען געלעגן אויסגעלייגט מיט מענער, ווײַבער און קינדער. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַן אויסגע־שטערנטע. די לבֿנה, וואָס וואָלף האָט שוין לאַנג ניט געזען אין דער ענגער, געדיכטער שטאָט, האָט צו אים אַראָפּגעקוקט אַ היימישע, אַ נאָענטע, פּונקט ווי אין דאָרף, ווען ער פֿלעגט פּאַשען די פֿערד אין די פֿאַרנאַכטן, פּונקט ווי בײַ די זעלנערס, ווען ער פֿלעגט אויף קאַראַאול אין די נעכט שטיין. אַ בענקשאַפֿט איז אויף אים אָנגע־פֿאַלן. ער האָט פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און אויסגעפֿײַפֿט אַ לידל, אַ פּאַסטעך־לידל, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פֿון די צײַטן, ווען ער פֿלעגט פֿײַפֿן אויף אַ צווײַג אין דאָרף.

פֿון מאַטראַץ דערלעבן האָט אַ פּאַרשוין אויפֿגעהויבן זײַן צעשויבערטן קאָפּ און אויסגעהוסט זיך עטלעכע מאָל.

— „עס בענקט זיך אַהיים?" — האָט דער צעשויבערטער פּאַרשוין געפֿרעגט מיט אַ טרוקן, ליטוויש קול, גענעצנדיק אין דער נאַכט אַרײַן.

וואָלף האָט ניט געענטפֿערט און ווײַטער געפֿײַפֿט.

פּאַסטריגעס — ווײַסע פֿעדעם וואָס מען דאַרף זיי אַרויסציִען.
העקעלעך — hooks.
געגריזשעט — gnawed.
אויף קאַראַאול — on guard.
דערלעבן — דערבײַ, לעבן אים.
צעשויבערט — ניט פֿאַרקאַמט, מיט האָר ניט אין אָרדענונג.

דער פּאַרשוין האָט אונטערגעהויבן זײַן ברודיק קישן, אַרויס־גענומען אַ בײַטל טאַבאַק און פּאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט גע־דיכטע און האַסטיקע קנוילעכלעך רויך נערוועז געלאָזט פֿון מויל און פֿון דער נאָז, צוגעהוסט טרוקן און ווײַטער גערעדט צו וואָלפֿן, כאָטש יענער האָט אים ניט געענטפֿערט.

— „אָן עבֿירה אַזאַ פּאָר הענט אוועקצוגעבן אין שאַפּ, יונגער־מאַן,“ — האָט ער געזאָגט און געקוקט מיט פֿינצטערע אויגן אויף וואָלפֿס פֿעסטן, האַלב נאַקעטן גוף.

וואָלף האָט אויפֿגעהערט פֿײַפֿן.

— „וואָס מיינט איר?“ — האָט ער געפֿרעגט דעם צעשויבערטן פּאַרשוין.

דער פּאַרשוין האָט זיך אויסגעהוסט פֿון הארבן רויך, וואָס האָט אים געשטיקט און גענומען פֿרעגן וואָלפֿן פֿראַגעס איינע נאָך דער אַנדערער.

— „טראָגן אַ משׂא קענט איר?“

— „כ׳קען,“ — האָט וואָלף מיט פֿאַרדאַכט געענטפֿערט, ניט וויסנדיק, צו וואָס דער ליטוואַק צילט.

ווי יעדער פּוילישער, האָט ער מורא געהאַט פֿאַר אַ ליטוואַק, ער זאָל אים ניט אָפּנאַרן.

— „רירן מיט די פֿיס קענט איר?“

— „כ׳קען.“

— „נו?“

— „דאַרף מען זײַן משוגע צו זיצן אין ניו־יאָרק,“ — האָט דער פּאַרשוין געזאָגט, — „ווען מען קאָן אוועק איבערן לאַנד און פּעדלען בײַ די פּאַרמערס. אַ פּאַרמעגן וועט איר מאַכן. פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר!“

וואָלף האָט דעם פּאַרשוין אָנגעקוקט דורכדרינגלעך און גע־שוויגן. דער פּאַרשוין האָט זיך שטאַרקער אויסגעהוסט פֿון רויך און ער האָט גערעדט מיט היץ, מיט איבערצײַגונג:

ברודיק — שטאַרק שמוציק.
אָן עבֿירה (אוויירע) — אַ שאָד.
דורכדרינגלעך — דורכנעמענדיק מיטן בליק.

— „שפּיט אויף ניו־יאָרק,“ — האָט ער געזאָגט, — „קומט מיט מיר. פֿון פֿאַרם צו פֿאַרם וועלן מיר גיין, פֿון שטאָט צו שטאָט. אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן מיר אַליין אַ ביזנעס מאַכן. אַלע דאָ האָבן זיך אַזוי אָנגעהויבן מיט פּעדלען. איצט זײַנען זיי קורח־רײַך.“

וואָלף האָט פֿאַררייכערט אַ פֿרישן פּאַפּיראָס און זיך מיט זיך אַליין מישבֿ געווען. פֿון דעם ליטוואַקס רייד, אײַנגעהילטע אין רויך און באַגלייט מיט הוסטן, האָט ער אויפֿגעכאַפּט איין זאַך — גיין איבער די דערפֿער, איבער פֿעלדער און וועלדער, זײַן אויף דער פֿרײַ, ניט שטיקן זיך מער אין ענגע שעפּער, ניט טאָן ווײַבערישע אַרבעט. פֿון בלויזן געדאַנק האָט אים אַ לינד ווינטל דורכגעלופֿטערט פֿון די טריט ביז די האָר פֿון קאָפּ.

— „גוט,“ — האָט ער געזאָגט, — „אָבער איך קען ניט האַנדלען, איך האָב עס קיין מאָל ניט געטאָן.“

— „איר'ט זיך אויסלערנען די תּורה,“ — האָט דער הוסטנדיקער פּאַרשוין חוזק געמאַכט.

— „און איך קען קיין ענגליש וואָרט ניט אַרויסריידן.“

— „די פּאָר ווערטער, וואָס מען דאַרף, וועט איר שוין קענען. איבעריקנס, ריידן לאָזט מיך. איר וועט מיר בלויז העלפֿן טראָגן דאָס פּעקל, אָפּטרײַבן אַ הונט, אַז ער פֿאַלט אָן, אָפּשלאָגן אַ שייגעץ, אַז ער וועט טשעפּען זיך אין וועג. דאָס וועט איר קענען?“

— „אָ, זאָל נאָר עמעצער פּרוּוון!“ — האָט וואָלף געזאָגט, בײַלנדיק אַ פֿויסט.

— „אַז מ'עט מאַכן די ערשטע עטלעכע טאָלער, וועט מען קויפֿן אַ פֿערד און וועגעלע און אַרומפֿאָרן. איר קענט אַרומגיין אַרום אַ פֿערד?“

וואָלפֿן האָט זיך פֿון דעם מענטשנס פֿראַגע אַזוי געגלוסט לאַכן, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

— „צי איך קען אומגיין אַרום אַ פֿערד!“ — האָט ער געזאָגט מיט פֿרייד. — „מענטש, וואָס רעדט איר?“

קורח (קוירעך) רײַך — זייער רײַך.
פֿון בלויזן געדאַנק — נאָר פֿון דעם געדאַנק אַליין.
לינד — mild.
חוזק (כויזעק) געמאַכט — אָפּגעלאַכט, אָפּגעשפּאָט.
בײַלנדיק אַ פֿויסט — צונויפֿגעלייגט אַ פֿויסט (fist).

דער הוסטנדיקער פֿאַרשוין האָט אָפּגעשאָקלט זיך פֿון אַש נאָכן פּאַפּיראָס און אויסגעשטרעקט וואָלפֿן אַ האַנט, אַ ביינערדיקע און געריקע.

— „גייען מיר?"

— „גייען מיר!" — האָט וואָלף געזאָגט, דריקנדיק דעם מענטשנס דאַרע האַנט אין זײַנע וואַרעמע, פֿעסטע פֿינגער. ער איז גרייט געווען גיין איצט אין עק וועלט, אַבי צו האָבן אַ פֿערד בײַ דער זײַט.

4

ווי אַ חיה פֿון שטײַג אַרויס, אַזוי האָט וואָלף רובין מיט לוסט און פֿרייד זיך אַרויסגעריסן פֿון דער שטיינערדיקער און רייכערדיקער שטאָט צו די אָפֿענע וועגן, פֿרײַע צום הימל, לאַנקעס, פֿעלדער און טײַכן. ער האָט געטראָגן צוויי פּעק מיט סחורות, איינעם זײַן אייגענעם פֿון הינטן, צוגעטשעפּעט צו די אַקסלען מיט רימענס, און איינעם פֿון פֿאָרנט, דעם שותּפֿס פּעקל. ער האָט גע־קרעכצט, דער ליטוואַק, אונטער זײַן פּעקל, געדיכט געהוסט, און וואָלף האָט עס בײַ אים צוגענומען און אָנגעהאָנגען אויף זיך. דאָך האָט ער קיין שווערקייט ניט געפֿילט. די הויכע און פֿעסטע פֿיס זײַנע, אין ברייטע, סאַמעטענע הויזן, זײַנען געגאַנגען מיט אַ פֿולן, זעלנערישן טראָט.

— „לויף ניט אַזוי, איך קאָן ניט אָניאָגן!" — האָט דער שותּף זיך געבעטן און צוגעהוסט.

וואָלף האָט אַ ווײַלע פֿאַרלאַנגזאַמט די טריט, באַלד ווידער פֿאַרגעסן זיך און אַוועק פֿאַרויס, לאָזנדיק יענעם אַ שטיק פֿון הינטן.

ער האָט געשמעקט מיט ברייטע אָפֿענע נאָזלעכער די ריינע

גריק — וואָס וויל אַליין.

רימען — strap.

שותּף (שוטעף) — partner.

געקרעכצט — groaned.

סאַמעטענע — velvet.

לופּט, אַרײַנגעצויגן די ריחות פֿון גראָז, תּבֿואה, פֿעלדבלומען און וואַסער, און דערפֿילט אַזעלכע כּוחות אין זײַנע הענט, אַז עס האָט אים געקיצלט עפּעס אָפּצוטאָן. אַלע עטלעכע שעה האָט ער אויפֿגעבונדן זײַן פּעקל, אַרויסגענומען ברויט מיט קעז, עטלעכע באַנאַנעס און אַ פֿלעשל וואַסער און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, וואַרפֿנדיק די ברעקעלעך צו די פֿייגעלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום זײַנע פֿיס, דערשמעקנדיק שפּײַז.

— „עסט, ווײַט איר האָבן כּוח צו גיין,‟ — האָט ער געזאָגט דעם שותּף זײַנעם.

— „איך וועל בעסער פֿאַררייכערן,‟ — האָט דער ליטוואַק געענטפֿערט און פֿאַרדרייט אַ נײַעם פּאַפּיראָס מיט די שפּיץ געלע פֿינגער פֿון שטענדיקן פֿאַרקען זיך בײַ טאַבאַק.

ער האָט מער גערייכערט, ווי געגעסן, און צוגעהוסט, געהוסט טרוקן, פֿאַרעקשנט.

ווי לאַנג זיי זײַנען געגאַנגען אויף די וועגן, איז וואָלף געווען פֿון אויבן און דער שותּף פֿון אונטן. כאָטש אַ פֿרעמדער אין לאַנד, דאָס ערשטע מאָל אין דער געגנט, האָט וואָלף גלײַך זיך אויסגעקענט אין די וועגן, דערשמעקט וועג און שטעג מיט דאָרפֿישער געניטקייט. הינט האָבן אויף אים ניט געבילט, גלײַך אין אים אַ פֿרײַנד דערשמעקט און אויסגעשטרעקט די קעפּ נאָך אַ גלעט. די גאַנצע צײַט האָט ער געלערנט דעם הוסטנדיקן שותּף זײַנעם אַלע סודות פֿון פֿעלד און וואַלד; וואָסער קאָרן עס איז זומערדיקס און וואָסער איז ווינטערדיקס; וואָסער ערד איז שוואַרץ און וועלכע זאַמדיק; וועלכע בלעטער עס זײַנען פֿון קרויט און וועלכע פֿון קאַרטאָפֿל. ער האָט אָנגערופֿן אַלע נעמען פֿון גראָזן און בלומען, פֿון ביימער און שוואָמען. בײַ יעדן פֿעלד, וואָס ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אויסגעריסן אַ זאַנג, צעקײַט זי אין מויל און מיט פֿויערישער הנאה געקוואָלן פֿון נחת, וואָס עס זעט אויס אויף

ריחות (ריכעס) — odor, smell.
תּבֿואה (טוואוע) — grain.
געקיצלט עפּעס אָפּצוטאָן — אויפֿגעקומען אַ שטאַרקער פֿאַרלאַנג עפּעס אָפּצוטאָן.
שוואָמען — mushrooms.
זאַנג — car of corn.

אַ געראָטעניש. דער רייכנדיקער שותּף האָט שווײַגנדיק אויסגע־הערט און געצויגן דאָס לעצטע שטיקל פּאַפּיראָס מיטן פֿײַער שיעור ניט צו די ליפּן. ער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן אויף וואָלפֿס געניטע רייד.

אָבער ווי נאָר מען איז צוגעקומען צו אַ פֿאַרמעריש הויז און געדאַרפֿט אָנקלאַפּן אין טיר, איז דער הוסטנדיקער שותּף אויס־געוואַקסן דאָפּלט גרויס און וואָלף האָט אָראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. באַלד בײַם ערשטן מאָל, ווי דער שותּף האָט זיך געלאָזט צו איין הויז און אים געשיקט מיטן פּאַק צו אַ צווייט הויז, איז וואָלף געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרלוירענער, ווי אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט עס אַוועקגעוואָרפֿן. ער האָט ניט דרייסט אָנגעקלאַפּט אין אַ פֿאַרמערי־שער טיר. פֿון אינעווייניק איז אַ לאַנגער פֿאַרמער אַרויס און בייז געקוקט אויף זײַן פּעדלערזאַק.

— „נאָ פּעדלערס!" — האָט ער אַ ברום געטאָן.

וואָלף איז רויט געוואָרן. ס'גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים.

— „גוד סטאַפּס, סער," — האָט ער געלויבט זײַן סחורה, ווי דער שותּף זײַנער האָט אים אויסגעלערנט זאָגן, — „באַרגעינס."*)

— „געט אוט אָוו היער!" — האָט דער לאַנגער פֿאַרמער גע־גומען שרײַען. — „געט אוט!"**)

וואָלף איז אַנטלאָפֿן, ווי מען וואָלט אים מיט בײַטשן געטריבן.

ווען דער שותּף זײַנער איז צוגעקומען אים פֿרעגן, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט, האָט וואָלף אים געוואָרפֿן דעם פּאַק צו די פֿיס.

— כ'וויל ניט מער!" — האָט ער געשריִען. — „כ'וויל ניט!"

דער שותּף האָט פֿון אים געלאַכט.

— „וואָסי, דעם פּוילישן האָנאָר אָנגערירט?"

וואָלף האָט ביטער געשוויגן. דער שותּף האָט זיך צו אים צוגעזעצט אויפֿן גראָז.

— „איר זענט אַ גרינער," — האָט ער אים געזאָגט, — „אַז

גערעטעניש — a good harvest.

*) גוטע שטאָפֿן, הער, מציאות.

**) געגאַנגען פֿון דאַנען, געגאַנגען!

א פֿאַרמער זאָגט, ער וועט ניט קויפֿן, האָט מען אים אין דר'ערד און מען פֿאַרקויפֿט אים דווקא. אַלע פֿאַרמערס זאָגן דאָס אייגענע, און אַלע קויפֿן זיי שפּעטער."

וואָלף האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— „ווי אויף אַ בעטלער, האָט ער געשריִען אויף מיר," — האָט ער דערציילט מיט האַרץ, — „געט אוט! געט אוט!"

— „אַי, אַי, אַי!" — האָט דער שותּף געלאַכט. — „געט אוט האָט ער געזאָגט! אַ נײַס אין שטעטל!... און איך וועל אײַך ווײַזן, אַז איך וועל מאַכן מיט אים ביזנעס."

וואָלף האָט דעם שותּף אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט.

— „גייט ניט. ער וועט אײַך פֿאַרקלאַפּן די טיר אונטער דער נאָז!"

— „איך האָב אַן עצה דערויף," — האָט דער שותּף געזאָגט, — „ווי נאָר מען עפֿנט מיר די טיר, שטעק איך קודם-כּל אַרײַן אַ פֿוס, און אַז איך שטיי שוין מיט אַ פֿוס אין דער טיר, וועט קיינער ניט פֿאַרקלאַפּן..."

מיט לאַנגזאַמע טריט, געבויגן צו דער ערד אונטער דעם שווערן פּאַק, איז דער שותּף געגאַנגען צו דער טיר פֿון פֿאַרמער, פֿאַרשוואונדן אין איר און זיך אַ צײַט ניט געוויזן.

וואָלף איז געזעסן אַן אומרואיקער. ער האָט געמיינט, אַז עפּעס שלעכטס האָט מיט דעם מענטש געמוזט געשען, וואָס ער זאַמט זיך אַזוי לאַנג, און ער האָט שוין געוואָלט גיין כאַפּן אַ בליק, צי מען דאַרף ניט אַ מאָל צו הילף זײַנע הענט. אָבער מען האָט זײַנע הענט ניט געדאַרפֿט. דער שותּף זײַנער איז אַרויס פֿון הויז מיט אַ גלײַכערן רוקן און אַ לײַכטערן פּאַק. זײַן שטענדיק פֿינצטער פּנים האָט געשײַנט.

— „נו, האָב איך ניט געזאָגט?" — האָט ער גערעדט מיט נצחון. — „שיינע עטלעכע טאָלער געלייזט און גוט פֿאַרדינט. אַזוי-פֿיל גוטע געזונטע יאָר פֿאַר יעדן קוואָדער ריווח."

נצחון (ניצאָכן) — זיג.
געלייזט — took in (money).
ריווח (רעוואַך) — פּראָפֿיט, gain.

ער האָט געקנאַקט מיט די פֿרישע, נײַע באַנקנאָטן אין זײַנע דאַרע פֿינגער.

איבער דער גאַנצער צײַט פֿון גיין איבער די וועגן, האָט דער הוסטנדיקער מענטש ניט אויפֿגעהערט אַרײַנאַקערן אין וואָלפֿן די חכמה פֿון פּעדלען. ער האָט אים געלערנט, ווי אַזוי צו טענהן צו אַ פֿאַרמער, ווי אַזוי צו ריידן גוטע רייד צו אַ פֿאַרמערקע. ער האָט אים אויסדערציילט אַלע זײַנע טריקס און המצאות, אַרײַנצוקריגן אַ קונה, ווי אַזוי צו בעטן אַ פּרײַז, ווי אַרומעט אַ כּעסן אײַנצונעמען מיט גוטע רייד, ווי אַזוי צו געבן עצות אויף אַלע זאָרגן, וואָס אַ פֿאַרמער האָט. וואָלף האָט אויסגעהערט און צוגעשאָקלט:

— „גוט, גוט, כ'וועל אַזוי טאָן.”

אָבער ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו אַ טיר און מען האָט געענטפֿערט „נאָ פּעדלערס!”, איז ער גיך אַוועק. אַזוי האָט ער אויך ניט געקענט שטעלן קיין געפֿעפֿערטע פּרײַזן און דערנאָך אַפּלאָזן אַ העלפֿט, ניט דינגען זיך און שווערן, ניט ריידן צום האַרץ און חנפֿענען. דער שותּף האָט גאָר קיין לײַט פֿון אים ניט געקאָנט מאַכן.

— „עפּעס אַ גויאישן קאָפּ האָט ער אויף זיך,” — האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַר די פּעדלערס, ווען ער האָט זיך געטראָפֿן מיט זיי אין די שטעט אין די כּשרע רעסטאָראַנדלעך.

— „ס'וועט פֿון אים שוין קיין פּעדלער ניט זײַן”, — האָבן די אַנדערע פּעדלערס נבֿיאות געזאָגט, וואַרפֿנדיק מיט די קאָרטן אויף די טישלעך.

וואָלף האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זײַט פֿון די פּעדלערס, וואָס זײַנען זיך מחנותוויז אָנגעקומען אין די רעסטאָראַנדלעך. זיי האָבן געלאַכט, באַרימט זיך יעדער מיט זײַנע גליקן, דערציילט וועגן זייערע קלוגע אײַנפֿאַלן און המצאות. עלטערע ייִדן האָבן געציילט די טאָלערס און גערעכנט, ווען זיי

המצאות (האַמצאָעס) — אײַנפֿאַלן, new ideas.
ווי אַרומעט — ווי אַזוי?
כּעסן (קײַסן) — בייזער.
געפֿעפֿערטע פּרײַזן — גאָר הויכע פּרײַזן.
חנפֿענען (כאַנפֿענען) — to flatter.

וועלן שוין קאָנען אַנזאַמלען גענוג געלט אויף שיפֿסקאַרטן, כּדי אַראָפּצוברענגען זייערע ווײַב־און־קינדער פֿון יענער זײַט ים. ייִדן בעלי־תּכלית האָבן גערעכנט אין זייערע באַנקביכלעך די אָפּגע־שפּאָרטע סומעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען, ווי די זעלנערס; זיי האָבן מיט גראָבע בלײַשטיפֿטן אונטערגעפֿירט חשבונות, מזומנים און חובֿות, און געציילט אויף די פֿינגער די חדשים, וויפֿל זיי האָבן נאָך אַרומצוקריכן מיטן פּאַק, ביז מ'וועט זיך דער־שלאָגן צו אַ גלײַכן חשבון און קאָנען עפֿענען אַ „סטאָרקע" אין אַ גויאיש שטעטל, וואו ביזנעס זײַנען נאָך ניט קאַליע געוואָרן דורך קנאה־שׂנאה און קאָנקורענץ.

דער עולם האָט גערייכערט, געשפּילט, מעשׂיות דערציילט, באַרימט זיך, געשוואוירן, אויסגעלאַכט זיך, אַרײַנגעזאָגט זיך, גע־קיבעצט, שותּפֿותן געמאַכט, איינער דעם אַנדערן אין דער זיבעטער ריפּ זיך אַרײַנגעקראָכן. וואָלף האָט ניט געהאַט וואָס צו ריידן מיט זיי. ער איז אַרום פֿאַר דער טיר, פֿון די קעשענעס שטיקער ברויט געקניפּט און געפֿײַפֿט צו די פֿייגעלעך, וואָס האָבן אַרום זײַנע פֿיס אַרומגעהיפּסעט, זוכנדיק ברעקעלעך.

— „כ'בין אַ בעלן צו וויסן, וואָס ער וועט אַזוינס אויספֿײַפֿן," — האָט דער שותּף זײַנער געזאָגט צו די מענטשן בײַ די טישלעך, — „פֿײַפֿט און שווײַגט, ווי אַ פֿרעמדער".

— „קיין באַנק־ביכל אַלנפֿאַלס ניט," — האָבן עלטערע ייִדן געברומט אין די בערד אַרײַן, — „אַ פּעדלער דאַרף קענען אָנפֿײַפֿן,

---

בעלי־תּכלית (באַלע־טאַכלעס) — די וואָס ווילן עפּעס אויפֿטאָן, דערגרייכן עפּעס.

מזומנים (מעזומאָנים) — cash.

זיך דערשלאָגן צו אַ גלײַכן חשבון (כעזשבן) — דאָ: ביז מען וועט האָבן גענוג געלט.

קנאה (קינע) — envy.

שׂנאה (סינע) — פֿײַנדשאַפֿט.

אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַנגעקראָכן — ניט איידל זיך געמישט אין דעם צווייטנס גאַנץ פּריוואַטע געשעפֿטן.

אַרומגעהיפּסעט — אַרומגעשפּרונגען.

אָנפֿײַפֿן — אָפּנאַרן.

ניט אויספּײַפֿן. ער וועט זיך לאַנג בײַם פּאַק ניט האַלטן. איר׳ט זען אונדזערע רייד!...״

די ייִדנס רייד זײַנען אין גיכן מקוים געוואָרן. פּונקט ווי וואָלף איז אומגעריכט אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די ייִדן מיט די פּעק, אַזוי איז ער אומגעריכט אַרויסגעפֿאַלן פֿון זיי.

אין אַ שפּעטן זומערדיקן פֿאַרנאַכט זײַנען זיי, ביידע שותּפֿים, צו אַ פֿאַרוואָרפֿענער פֿאַרם צוגעקומען און אין דער טיר אָנגעקלאַפּט, צי זיי וועלן קאָנען איבערנעכטיקן. די פֿאַרם איז געלעגן אין אַ זײַט, אָפּגעזונדערט פֿון די אַרומיקע. דאָס הויז איז געווען אַלט און אומהיימלעך. קיינער האָט אויפֿן קלאַפּן אין דער טיר ניט געענפֿנט. זיי זײַנען אַרום אויפֿן הויף, בײַם ברונעם אין מיטן הויף איז געלעגן אַ פֿערד און געוואָרפֿן מיט די פֿיס אין דער ערד. דערנעבן איז געשטאַנען אַן אַלטער פֿאַרמער מיט פֿאַרקאַשערטע הענט און שווײַגנדיק געקוקט אויף דעם קראַנקן פֿערד מיט פֿינצטערע בליקן.

— „גוד איווּנינג, סער,״ — האָט וואָלפֿס שותּף געזאָגט צום מאַן לעבן ליגנדיקן פֿערד.

דער פֿאַרמער האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט מיט העל בלויע אַפּלען אַ קוק געטאָן אויף די צוויי לײַט מיט די פּעק, אַ שפּײַ געגעבן אויף דער ערד און מיט אַן אויסגעקרימטן מויל אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז.

— „קיין ביזנעס, פֿרעמדע!״ — האָט ער געזאָגט צאָרנדיק און געקוקט אויף דעם פֿערד, וואָס האָט געקלאַפּט מיט די פֿיס אין דער ערד.

וואָלפֿס שותּף האָט געוואָלט גוטמאַכן דעם פֿאַרמערס צער און אַ שמייכל אַרויפֿגעצויגן אויף זײַן פֿינצטער פּנים.

— „קענען מיר אײַך העלפֿן?״ — האָט ער געפֿרעגט מיט חניפֿה.

דער פֿאַרמער האָט אים אָנגעקוקט מיט אויגן קאַלטע, ווי שטיקלעך אײַז.

מקוים געוואָרן (מעקויעם) — דערפֿילט געוואָרן, fulfilled.

אומהיימלעך — ניט פֿרײַנדלעך.

דערנעבן — לעבן דעם.

פֿאַרקאַשערטע הענט — rolled-up sleeves.

אַפּלען — eyeballs

חניפֿה (כניפֿע) — flattery.

— „איר זענט אַ נאַר!״ — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט כּעס.

די גאַנצע פֿאַראַכטונג פֿון אַ דאָרפֿסמענטש צו אַ שטאָטישן, וואָס איז נאָר אַ בריה מיט דער צונג, האָט אַרויסגעקוקט פֿון פֿאַרמערס העל בלויע אָפּלען צו דעם מענטש מיט דעם פּאַק, וואָס פֿאַרשטייט ניט, אַז אין אַזאַ אומגליק דאַרף מען בלויז שווײַגן, לאָזן אַ מענטש אַליין.

דער פּעדלער האָט געהוסט טרוקן און מרה־שחורהדיק. ער האָט שוין געזען, אַז ער איז דאָ שלעכט אַרײַנגעפֿאַלן און גענומען צופּן וואָלפֿן בײַ דער פּאָלע פֿון זײַן רעקל.

— „קום, וואָלף, מיר׳ן זוכן אַן אַנדערע פֿאַרם, עס ווערט נאַכט.״

וואָלף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק פֿון די אַקסלען און דאָס רעקל פֿון לײַב. שווײַגנדיק האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צום פֿערד און עס אָפּגעווישט דעם גאַוועד אַרום מויל מיט אַ ביסל היי, וואָס איז געלעגן דערנעבן. דערנאָך האָט ער מיט געניטקייט אָן עפּן געטאָן בײַם פֿערד די ליפּן, אַז אַלע ציין האָבן אַרויסגעקוקט. דער פֿאַרמער האָט אין צוגאַנג זײַנעם צום פֿערד גלײַך דערזען געניטקייט און היימישקייט.

— „וואָט׳ס דהי טראָבל?״*) — האָט ער געפֿרעגט, ווי דער שותּף זײַנער האָט אים אויסגעלערנט זאָגן די עטלעכע ווערטער, ווען אַ קונה האָט טענות צו אַ שטיקל סחורה.

דער פֿאַרמער האָט זיך מער ניט געבייזערט ווי פֿריִער. ער האָט אָנגעקוקט אַ ווײַלע דעם פֿרעמדן יונגן מענטש און דערציילט לאַנגזאַם זײַן צרה. דאָס פֿערד איז געווען געזונט און שטאַרק, אויף דער לאָנקע זיך געפּאַשעט. פּלוצעם האָט עס זיך אַוועקגעלייגט און גענומען דריגען מיט די פֿיס. דערצו איז ער אַליין. די טאָכטער איז אַוועק אין שטעטל, און צו דעם פֿערד־דאָקטער איז ווײַט, אַ פּאָר צענדלינג מײַל. אַזאַ גוט, שטאַרק פֿערד.

וואָלף האָט זייער וויניק פֿאַרשטאַנען פֿון פֿאַרמערס ענגליש,

מרה־שחורהדיק (מאָרע־שכוירעדיק) — אומעטיק; אין דעם פֿאַל מיינט עס אַז דעם פֿאַרמערס הוסטן האָט אַנגעוואָרפֿן אַן אומעט.

גאַוועד — salvia.

דריגען — וואָרפֿן, to kick.

*) וואָס איז דער מער?

וואָס איז נאָך דערצו אַרויסגעקומען שטאַרק פֿאַרדומפּן, ווײַל ער האָט אויף קיין רגע ניט אַרויסגעלאָזט די ליולקע פֿון מויל. אָבער פֿון פֿערדס פּאָכען מיט די זײַטן און קלאַפּן מיטן עק אין דער ערד, האָט ער געזען, אַז עס האָט זיך איבערגעפֿרעסן מיט עפּעס און גע־קראָגן מאָגן־קראַמפּן. ער האָט זיך געקענט אויף די זאַכן. ניט איין מאָל טרעפֿט, אַז אַ פֿערד כאַפּט זיך צו מיט גרויס חשק צו אַ האָבער־פֿעלד, אָדער אַפֿילו צו אַ טרוקענעם האָבער, אָן אַ צומישונג, כאַפּט עס אַ מאָגן־קראַמף און ציט אויס די קאָפּיטעס, אויב מען רייניקט אים ניט באַלד אויס דעם מאָגן.

— „פֿרעגט אים, צי דאָס פֿערד איז ניט אַ מאָל אַרײַן אין האָבער?" — האָט ער געזאָגט צו זײַן שותּף.

— „פֿרעגט אים!" — האָט דער ליטוואַק זיך געבייזערט. — „גוט צו פֿרעגן, אַז מען קען. דער רוח ווייסט, ווי אַזוי האָבער איז אויף ענגליש!"

וואָלף האָט דעריבער אַליין געפּרוּווט זיך דורכריידן מיטן פֿאַרמער, אויף שטום־לשון.

ער איז צו צו דער שטאַל, אויסגעזוכט אַ האָבער און געוויזן דעם פֿאַרמער צו דער זײַט פֿון די פֿעלדער. דערנאָך האָט ער דעם האָבער צוגעטראָגן צום פֿערדס מויל און גענומען האַסטיק קײַען מיט די ציין. דער פֿאַרמער האָט אַ בליץ געטאָן מיט די העל בלויע אויגן.

— „דהאַט׳ס ראַיט!" — האָט ער געזאָגט.

וואָלף האָט פֿאַרקאַשערט די אַרבל פֿון העמד און גענומען ראַטעווען גיך. ער האָט אויסגעזוכט אַ שטריק בײַ דער שטאַל און דעם פֿערד געבונדן די פֿיס, די פֿאָדערשטע און די הינטערשטע, אַזוי, אַז עס זאָל זיך פֿון דער ערד ניט רירן. דערנאָך האָט ער געהייסן אָפּקאָכן וואַסער, אַ סך וואַסער, וויפֿל נאָר עס וועט אין גרעסטן טאָפּ

פֿאַרדומפּן — ניט קלאָר.
האָבערפֿעלד — oats field.
קאָפּיטעס — hoofs.
רוח (רואַך) — דער טײַוול.

אַרײַן, און דערלאַנגגען דאָס וואַסער מיט זייף מיט אַלע איבעריקע זאַכן וואָס מען דאַרף. דער פּאַרמער האָט אַלץ מיט ייִנגלערישער גיכקייט אויסגעפֿירט. וואָלף האָט אָנגעוויזן דעם אַלטן, ער זאָל זיך ארויפֿלייגן אויפֿן פֿערד, פֿעסט עס בײַם קאָפּ צוהאַלטן, און דעם שותּף זײַנעם האָט ער דעם פֿערדישן עק געגעבן אין די הענט אַרײַן.

— „פֿעסט האַלטן!" — האָט ער באַפֿוילן. — „ניט אָפּלאָזן."

די מענטשן האָבן אויסגעפֿירט זײַנע באַפֿעלן. וואָלף האָט זיך אַראָפּגעזעצט און דעם פֿערד די פֿליסיקייט אין די גֹעדערעם אַרײַנגעשפּריצט.

— „האַלטן, האַלטן!" — האָט ער זיך געבייזערט אויף דעם שותּף זײַנעם, וואָס האָט מיט מורא שוואַך געהאַלטן דעם פֿערדישן עק.

די פֿערדישע זײַטן זײַנען פֿולער געוואָרן פֿון דעם וואַסער. וואָלף האָט אויפֿגעבונדן דעם סאַפּענדיקן פֿערד די פֿיס און אָפּגעוואַשן די הענט בײַם ברונעם.

— „לאָזן עס ליגן אַזוי," — האָט ער געהייסן, — „עס וועט שוין בעסער ווערן."

מיט דער רואיקייט פֿון אַ דאָקטער, וואָס האָט אָפּגעטאָן זײַן זאַך, האָט ער אָפּגעווישט אין היי די נאַסע הענט און אַרויסגענומען פֿון פּאַק זײַן ברויט מיט קעז צו עסן אָונטברויט.

גיך, ווי ער האָט געזאָגט, האָט דאָס קראַנקע פֿערד גענומען מיסטיקן אַרום זיך, מיסטיקן אַזוי פֿיל, אַז די זײַטן זײַנע זײַנען אָפּגעפֿאַלן אַלץ מער און מער. באַלד דערנאָך האָט עס זיך אָוועקגעשטעלט אויף די קני, אויסגעפּרואווט זייער כּוח, צי זיי וועלן אים טראָגן, און אויפֿגעהויבן זיך פֿון דער ערד, ניסנדיק פֿיל מאָל. אַליין, אָן אַ וואָרט מען זאָל אים זאָגן, איז ער אַרײַן אין שטאַל.

דער פּאַרמער האָט אַרויסגענומען פֿון שטוב אַ טעפּל מילך און אָוועקגעשטעלט פֿאַר וואָלפֿן.

— „גאָד בלעס יו, סטרענדזשער!*)" — האָט ער געבענטשט דעם פֿרעמדן און אים געדריקט די האַנט. — „און נעכטיקן וועט איר

סאָפּענדיקן — דאָס פֿערד וואָס אָטעמט שווער.

*) גאָט זאָל אײַך בענטשן, פֿרעמדער!

ביי מיר אין הויז. באַלד וועט אויך מײַן טאָכטער קומען, וועט זי פֿאַר אײַך מאַכן אַ געלעגער."

מיט דער ליולקע אין מויל, שפּאַצירנדיק אַרום זיך, איז דער פֿאַרמער געזעסן לעבן וואָלפֿן און מיט אַ פֿאַרדומפּן קול איס אויס־געפֿרעגט, פֿון וואַנען ער קומט, ווער ער איז און וואָס אַזוינס איז זײַן טאַן געוועזן אין דער היים, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. וואָלף האָט זײַנע ענטפֿערס געגעבן דורך דעם שותּף, וועלכער האָט זיי איבערגעגעבן אין זײַן שטאָטישן ענגליש. דער הוסטנדיקער שותּף האָט אויף יעדן וואָרט וואָלפֿס, אָנגעזאָגט אַ וועלט מיט אייגענע דיבורים. ער האָט פֿאַרן פֿאַרמער דערציילט וועגן די וואונדער פֿון ניו־יאָרק, וואו בריקן הענגען איבער טײַכן, וועגן די באַנען, וואָס גייען אין מיטן גאַס אין דער לופֿטן, וועגן די הויכע הײַזער, בענק און געשעפֿטן, וועגן די שיפֿן, וואָס קומען אָן אין האַפֿן, וועגן די שפּרינג־פֿיש, וואָס מען זעט אין ים, ווען מען פֿאָרט דורך. דער פֿאַרמער האָט זײַנע בלויע אַפּלען אין די אויגן טאָפּלט פֿונאַנדערגעשפּרייט פֿון חידוש.

— „נאַיס טהינגס" (משיקאַווע זאַכן)," — האָט דער דאָרפֿס־מענטש געלויבט, אויפֿהערנדיק פֿון פֿאַרוואונדערונג צו פֿאַרציִען די ליולקע אין מויל.

שוין היפּש שפּעטלעך איז אַ וועגעלע פֿאַרפֿאָרן, אַ פֿאַרמישע „באַגי" אין איין פֿערד געשפּאַנט.

— „מײַן טאָכטער, עסטער," — האָט דער פֿאַרמער געזאָגט און אַרויסגעגאַנגען פֿאַר דער טיר, איר דערציילן וועגן דעם קראַנקן פֿערד און וועגן די פֿרעמדע, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט צו דער צײַט.

— „דהאָט׳ס די גאַי," — האָט ער אָנגעוויזן אויף וואָלפֿן, — „נאַיס יאָנג מען."*)

די אָנקומענדיקע פֿרוי, אַזאַ דאַרע און אויסגעטריקנטע, ווי איר פֿאָטער, מיט מענלעכע הענט און פֿיס און מיט אַ פֿלאַכן בוזעם, האָט אויסגעשטעלט אויף דעם פֿרעמדן אירע בלויע אַפּלען, וואָס זײַנען געווען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו איר פֿאָטערס. אַ רויטקייט האָט באַגאָסן איר לאַנג פּנים, וואָס אין שמייכלען ווערט

דיבורים — רייד.

*) דאָס איז דער בחור. אַ פֿיינער יונג!

עס נאָך לענגער און אויסגעצויגענער. זי האָט באַוויזן צוויי שורות גרויסע ציין, וואָס צווישן יעדן זעט מען זעלטן אַזעלכע, און זי האָט געזאָגט מיט אַן איבערראַשט דערשראָקן קול:

— „האו דו יו דו, סער (שלום־עליכם)!"

וואָלף האָט געדריקט איר פּלאַכע, טרוקענע האַנט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ מאַנסבילישע און ניט געוואוסט, וואָס צו ריידן. דאָס, וואָס די שיקסע הייסט עסטער, האָט אים אָנגעפּילט מיט היימישקייט, ווי צו אַ ייִדישער טאָכטער. פֿון איר האָט געשמעקט מיט פֿערד, וועגן, שטויב און דאָרפֿישער פֿאַרשעמטקייט פֿאַר אַ מאַנסביל.

— „וועל," — האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון איר פֿאַרשעמט־קייט, — „שפּאַן אויס דאָס פֿערד, פֿאָטער, נעם אַראָפּ די פּעקלעך פֿון וועגעלע. איך וועל גיין מאַכן עסן און געלעגערס פֿאַר די דזשענטללײַט."

זי האָט שטאַרק געאַרבעט בײַם אויפֿרודערן דאָס פֿרישע שטרוי, וואָס זי האָט פֿאַר דעם פֿרעמדן יונג אויסגעבעט, איר גאַנצע ווײַבע־רישע טרײַקייט דערין אַרײַנגעלייגט. יעדער מאָל, וואָס זי האָט זיך באַגעגנט מיט דעם פֿרעמדנס בליק, האָט זי זיך אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט.

וואָלף האָט אַוועקגעזעצט זיך אויפֿן בעט, וואָס מען האָט אים פֿריש אויסגעבעט. פֿון דרויסן האָבן זיך אַרײַנגעריסן ריחות פֿון געשניטן היי. גרילן האָבן געזשומעט. גליפֿליגן האָבן פֿאַרן פֿענצטער זיך אָפּט דורכגעטראָגן מיט אַ פֿײַערל און אויסגעלאָשן זיך. בײַם נאָפּטלאָמפּ האָבן שמעטערלינגען זיך געדרייט און געשאָטן שטויב. וואָלף האָט זיך צוגעהערט צו די היימישע, נאַכטיקע זשומערײַען, ער האָט אַרײַנגעצויגן די ריחות פֿון מילך, היימיש געבעקס און באַלעבאַטישער זויערלעכקייט. דאָס האָט אים אָנגעפּילט מיט רו און משפּחהדיקייט. אַ זיסער דרימל איז אויף אים אָנגעפֿאַלן און ער האָט זיך אויסגעצויגן אין בעטל, וואָס האָט געקנאַקט אונטער זײַן צעוואַקסנקייט.

גרילן — crickets.

גליפֿליגן — fire-flies.

פֿאַר טאָג, מיטן ערשטן מאָרגן־שײַן איז ער אַרויס פֿון געלעגער אין הויף. דעם פֿאַרמערס טאָכטער איז שוין געשטאַנען בײַם ברונעם און געשעפּט װאַסער פֿאַר די פֿערד, װאָס האָבן זיך געריסן מיט די קעפּ צום עמער צו קריגן דער ערשטער אַ טרונק. װאָלף איז צוגע־גאַנגען, געהאָלפֿן איר אַרויפֿציִען װאַסער און אָנגעטרונקען די פֿערד פֿון הילצערנעם עמער, װאָס די ברעגעס זײַנען אָפּגעפֿרעסן געװוען פֿון די פֿערדישע ציין.

— „אָט איז דאָס פֿערד, װאָס איר האָט געראַטעװעט,״ — האָט זי אים אָנגעװיזן אויף אַ יונג, שטאַרק פֿערד. מערי איז איר נאָמען.״

— „מײַן שװעסטער הייסט אויך אסתּר,״ — האָט װאָלף געזאָגט שטיל, אַליין ניט װיסנדיק צוליב װאָס ער דערציילט עס.

דער פֿאַרמער איז אַרויס פֿון הויז, אַ קוק געטאָן אויף די צװיי מענטשן און פֿאַררייכערט אַ ליולקע.

— „אַ פֿײַנע פֿאַרם,״ — האָט װאָלף געלויבט דעם פּלאַץ אין זײַן מאָגערן ענגליש.

— „געפֿעלט דיר?״ — האָט דער פֿאַרמער געזאָגט אַ שמייכלענ־דיקער דערפֿון, װאָס מען לויבט זײַן אָפּגעלאָזענע פֿאַרם.

— „איך בין אויך פֿון אַ פֿאַרם,״ — האָט װאָלף געזאָגט, — „פֿון װײַט.״

ער האָט געװיזן מיט דער האַנט צו דער זײַט, װאו אַ ים דאַרף ליגן.

דער פֿאַרמער האָט געלאָזט עטלעכע געדיכטע קנוילן רויך און באַטראַכט דעם פֿרעמדן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. פּלוצעם האָט ער אַרויסגענומען פֿון מויל די ליולקע און אַ פֿרעג געטאָן האַסטיק:

— „אין גאָט גלייבסטו, יונגערמאַן?״

— „געװיס!״ — האָט װאָלף געענטפֿערט.

דער פֿאַרמער האָט אַ שמייכל געטאָן און צוריק גענומען די ליולקע אין מויל.

— „אפֿשר װילסטו בלײַבן דאָ, פֿרעמדער?״ — האָט ער פֿאַטער־לעך געפֿרעגט. — „איך בין אַלט, עסטער איז אַן אַרבעטס־מיידל, אָבער פֿאָרט בלויז אַ פֿרוי. די פֿאַרם דאַרף אַ מאַן צו דער אַרבעט, און דו געפֿעלסט מיר.״

װאָלף האָט אַ קוק געטאָן צו ערשט אויף דעם אַלטן, דער־

נאָך אויף דער טאָכטער, באַלד אויף די פֿערד און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— „אָל־ראַיט, סער,״ — האָט ער געזאָגט מיט זעלנערישע גראָבע „רישן״.

פֿון גרויס איבערראַשונג האָט ער אַפֿילו פֿאַרגעסן וועגן לוין צו פֿרעגן.

ווען דער שותּף זײַנער איז אַרויס, האָט אים וואָלף איבערגעגעבן דעם פּאַק. דער ליטוואַק האָט אויף אים געקוקט מיט פֿינצטערע אויגן.

וואָלף האָט זיך פֿאַררייטלט ווי אַ ייִנגל און צוגעטראָגן דעם שותּף די פּעק ביז צו אַ ברייטן וועג אַרויס, וואו מען קאָן קריגן אַ וועגעלע זיך מיטצוכאַפּן אין דער נאָנטער שטאָט. דאָרט האָט ער דעם פּאַק אַוועקגעלייגט און אָן אַ סענט פֿון דעם געלט, וואָס עס איז אים בײַם שותּף געקומען, איז ער אַוועק צוריק צו דער פֿאַרם.

— „גענוג געשלעפּט זיך ווי אַ טאַטער מיט דעם פּאַק,״ — האָט ער געזאָגט, — „איך בלײַב בײַ דער ערד.״

אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען אין דער פֿאַרם אַן אייגענער פֿון יאָרן, איז ער גלײַך אַרײַן אין שטאַל, אויסגעזוכט דעם אײַזערנעם קאַם און באַרשטן, אַרונטערגעקראָכן אַ פֿערד אונטערן בויך און עס אויסגערייניקט דעם שטויב פֿון דער פֿעל, ווי ער פֿלעגט עס טאָן בײַ די זעלנערס.

— „סטאָי!״ — האָט ער גערעדט צום אומרואיקן פֿערד מיטן לשון פֿון דער היים, פֿאַרגעסנדיק גאָר, אַז ער דאַרף נוצן די נײַע שפּראַך.

דער פֿאַרמער איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און געשמייכלט צו דער טאָכטער זײַנער מיט הנאה פֿון דעם יונגס באַלעבאַטישער אַרבעט. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט צו פֿרעגן בײַם פֿרעמדן זײַן נאָמען.

— „וואָלף,״ — האָט דער יונג געזאָגט.

טאַטער — Tartar; דאָ: איינער אָן אַ היים; שטענדיקער וואַנדערער.

סטאָי (אַ רוסיש וואָרט) — stop, hold.

— "וואולף, וואולף," — האָט דער פּאַרמער שווער צעקײַט דעם פּרעמדן נאָמען. — „אַ מאָדנער נאָמען, עסטער, ניט אַזוי?"

— „פּאַר וואָס?" — האָט די טאָכטער ניט פּאַרשטאַנען. — מיר געפּעלט ער."

5

וואלף האָט זיך אײַנגעלעבט מיט דער פּאַרם און מיט די מענטשן זייער גיך.

ער איז אויפּגעשטאַנען מיט דעם בלויען צו גלײַך און געגאַנגען שלאָפּן מיט דעם צופּאַלן פּון אָוונט, צוזאַמען מיט די הינער אין הויף. אין „אָוועראָלס" און אין אַ ברייטן פּאַרמערישן שטרויענעם קאַפּעליוש אויפּן קאָפּ צו שיצן זיך פּון דער שטאַרקער זון, איז ער אַ גאַנצן טאָג געווען אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, צו גלײַך מיט די פּערד זײַנע. כאָטש ער האָט נאָך גערעדט זײַן היימיש דאָרפּיש לשון צו זיי, ניט ווי זיי זײַנען געוואוינט געווען, האָבן זיי אים גיך פּאַרשטאַנען, די פּערד, און געהירזשעט צו אים מיט פּרייד, ווען ער איז אַרײַנגעקומען יעדן פּאַרטאָג צו זיי אין שטאַל, כּדי אַרויסצופּירן זיי צום ברונעם טרינקען. ער האָט זיי געגלעט די קעפּ, וואָס זיי האָבן אויסגעשטרעקט צו אים, לעכצנדיק נאָך אַ צערטלעכקייט, אַרײַנגעקוקט זיי אין די אויגן, אין די ציין, און געלערנט זיי דרך־ארץ, הלמאַי זיי בײַסן זיך איינער דעם אַנדערן אין יאָגעניש צו כאַפּן דעם ערשטן טרונק פּון עמער וואַסער.

— „סטאָי!" — האָט ער זיך געבייזערט. — „אַלע ווען טרינקען. ניט רײַסן זיך."

דערנאָך האָט ער אײַנגעשפּאַנט די פּערד אין דער מאַשין און אַרויסגעלאָזט זיך אויף די פּעלדער.

— „וויאָ, קינדער," — האָט ער זיי אונטערגעגעבן חשק, זיצנדיק אויפּן געזעסל פּון דער מאַשין, און צוגעקנאַקט מיט דער בײַטש, ניט אויף די פּערד, נאָר אין דער לופּטן, צוליב קוראַזש בלויז.

די אַרבעט איז געווען אַ לײַכטע. מען האָט ניט געדאַרפּט

גראָבן זיך מיטן אַקעראײַזן אין דער ערד, ווי דאָרט, אין דער היים, אַלץ האָט געטאָן דאָ די מאַשין. אַ וועלט מיט מאַשינען זײַנען געווען צו דער אַרבעט: מאַשינען צו אַקערן און צו בראָנעווען, צו שנײַדן און צו דרעשן, צו אַלעם, וואָס נאָר מען דאַרף. מען האָט בלויז געדאַרפֿט אײַנשפּאַנען אין זיי די פֿערד און פֿירן מיט דער אַרבעט. וואָלף האָט אָנגעקוואָלן פֿון די מאַשינען, וואָס ער האָט קיין מאָל אַזעלכע אין דער היים ניט געזען, און געזונגען זעלנערישע לידער מיט אַ פֿריילעך קול, צוקנאַלנדיק מיט דער בײַטש צום טאַקט.

די פֿעלדער זײַנען געווען ברייטע, גרויסע, די פֿערד געזונטע, אויסגעפּאַשעטע. די זון האָט געשאָטן סנאָפּעס ליכט. אין הימל האָבן טײַכן מיט צעשמאָלצענעם זילבער זאַנפֿט געפֿלאָסן. פֿייגל האָבן געצוויטשערט. פֿעלדגרילן האָבן אַ זיסן זשומען אָנגעהאַלטן. פֿון צײַט צו צײַט האָט אַ העזל פֿאַרהייבן די אויערן אין שרעק און ראַשיק איבערגעשניטן דאָס פֿעלד. וואָלף האָט טייל מאָל פֿאַר־געסן, אַז ער איז אין דער פֿרעמד, טויזנטער מײַלן ווײַט פֿון דער היים. אַלץ איז געווען ווי אַמאָל. די זעלבע ערד, פֿייגל, דאָס צעשראָקענע העזל, דאָס אייביק שטילע און גלײַכצײַטיק ראַשיקע לעבן פֿון דער ערד.

— „וּוישטאָ, העיטאָ!“ — האָט ער גערעדט צו די פֿערד אין זײַן היימיש פֿערדישן לשון.

ווען די שאָטנס האָבן געוויזן אויף מיטאָגצײַט, האָט וואָלף אויסגעשפּאַנט די פֿערד פֿון דער מאַשין און אַהיים געגאַנגען, צוזאַמען מיט זיי, אויף שפּײַז.

— „גדזיע, בידלאָ?“ — האָט ער געמוסרט אין פּויליש די פֿערד, וואָס האָבן זיך געריסן צום ברונעם, כאָטש זיי זײַנען געווען דערוואַרעמט פֿון דער אַרבעט און ניט געטאָרט גלײַך טרינקען.

אַ ק ע ר אײַ ז ן — plough.
ב ר אָ נ ע וו ע ן — to harrow.
ד ר ע ש ן — to thresh.
א ו י ס ג ע פּ אַ ש ע ט ע — well-fed
ס נ אָ פּ ע ס — sheafs.
ז אַ נ פֿ ט — soft, mild

— „נײַם דעי טודעי, איזנ'ט איט?"*) — האָט אים דער באַלעבאָס זײַנער שטענדיק געזאָגט דאָס אייגענע, אויב נאָר דאָס וועטער איז געווען שיין.

— „וועִרי נײַס!"**) — האָט וואָלף געענטפֿערט, ווישנדיק דעם שווייס, וואָס האָט זיך אים געפּערלט אויפֿן פּנים.

עסטער, מיט גלאַטע, בלאָנדע האָר, שטאַרק צוגעגלעט, און שטײַף אין אַ גרעקל פֿאַרבונדן אויפֿן נאַקן, מיט אַ פֿאַרטעך אַרומגעבונדן אַרום דער לענגלעכער טאַליע, איז אַרויס פֿון דער קושטאַל מיט אַ פּרישן עמער מילך און אָנגעגאָסן אין פּאָרצעלײַענע טעפּלעך פֿאַר בײדע מענער. זי האָט אויסגעשפּרייט אַ פֿאַרביק טישטעכל אויפֿן שווערן טיש, אַוועקגעשטעלט פּוטער, אייער, גרינס אַלערליי, און געגרייטלט זיך יעדער מאָל, וואָס זי האָט זיך מיט וואָלפֿס גרויסע, שוואַרצע אויגן באַגעגנט.

— „נײַס דעי טודעי, איזנ'ט איט?" — האָט זי געזאָגט, ווי דער פֿאָטער אירער, כּדי צו זאָגן עפּעס.

קיין אַנדערע ווערטער האָט זי ניט געהאַט.

— „וועִרי נײַס", — האָט וואָלף צוגעברומט, אויך ניט האָבנדיק וואָס צו זאָגן מער.

די מענטשן דאָ האָבן זעלטן גערעדט. תּמיד זײַנען זיי געווען בײַ דער אַרבעט. ווען זיי האָבן גערוט, האָבן אויך זייערע מײַלער גערוט. דער אַלטער איז געזעסן מיט דער ליולקע אין מויל, געקוקט מיט די העל בלויע אויגן פֿון קנאָכיקן פּנים אַרויס, געדרייבערט, געשפּיגן און געשוויגן. שעהן האָט ער אַזוי געקאָנט זיצן און שווײַגן און ענדלעך איין וואָרט אַרויסזײַען, איין איינציק וואָרט, וואָס האָט פֿאַר אַלע ווערטער געדינט.

— „וועל!" — האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן דאָס וואָרט זײַטיק פֿון מויל צוזאַמען מיטן רויך פֿון דער ליולקע.

---

*) אַ שיין וועטער הײַנט, ניט אַזוי?

**) זייער אַ שיינס.

גרעקל — אַ רונדער קנויל האָר.

נאַקן — neck.

זײַען — strain, to filter. אַרויסזײַען מיינט דאָ — קוים אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— „וועל!“ — האָט די טאָכטער אָפּגעענטפֿערט ווי אַ ווידער־קול, ניט אַרויסנעמענדיק די אויגן פֿון דעם נייען און שטריקן, וואָס זי האָט שטענדיק געטאָן, ווי נאָר זי איז פֿרײַ געוואָרן פֿון דער אַרבעט אין הויף.

אין אָנהייב האָט וואָלף די דאָזיקע „וועלס“ ניט פֿאַרשטאַנען, ניט באַגריפֿן, וואָס זיי מיינען. אין גיכן האָט ער געכאַפּט זייער זין און אויך דאָס וואָרט גענומען נוצן. ער האָט עס געזאָגט, ווען דאָס וועטער איז געווען שיין און ווען עס האָט געגאָסן אַ רעגן, אַז מען האָט קיין פֿוס אין דרויסן ניט געקאָנט אַרויסשטעלן, ווען די אַרבעט איז אים געגאַנגען גלאַטיק און ווען עפּעס האָט זיך פֿאַרהאַקט און פֿון אָרט זיך ניט גערירט. דאָס צווייטע וואָרט, וואָס ער האָט גענוצט אַזוי אָפֿט, איז געווען „העל“, צום גראַם. דאָס האָט ער גענוצט, ווען ער האָט זיך צעשניטן אַ פֿינגער בײַ דער מאַשין, ווען אַ פֿערד האָט ניט אַרײַנגעטראָפֿן אין געשפּאַן אַרײַן גלײַך אויפֿן אָרט, ווען אַ שטיין איז געלעגן אין פֿעלד בײַ דער אַרבעט און אָנגעשלאָגן זיך אין דער מאַשין, ווי בײַ יעדער אַנדערער שטרויכלונג, וואָס טרעפֿט אַזוי אָפֿט אין דער אַרבעט.

ביסלעכווײַז האָט ער אָנגעהויבן נוצן אַנדערע ווערטער, היימיש געוואָרן מיט די פֿאַרדומפּענע רייד פֿון זײַן באַלעבאָס, מיט די געצווינגענע קלאַנגען פֿון זײַן טאָכטער. זיי זײַנען ניט געווען קיין סך, די ווערטער, וואָס די מענטשן האָבן דאָ געברויכט, עטלעכע הונדערט קוים. דאָס איבעריקע האָט מען געשוויגן. וואָלף האָט זיך אויסגעלערנט דאָס ריידן, ווי דאָס שווײַגן. צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך אויך אָפּגעוואוינט פֿון די פּאַפּיראָסן זײַנע און פֿון אַ צווײַג אויסגעשניצט זיך אַ ליולקע, וואָס ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל. פּונקט ווי דער באַלעבאָס, האָט ער גענומען אַרויסוואַרפֿן ווערטער בלויז מיט איין זײַט פֿון מויל, צוזאַמען מיטן רויך פֿון דער ליולקע.

אין די ערשטע וואָכן האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן מיט די זונטאָגס. דער באַלעבאָס מיט דער טאָכטער האָבן אײַנגעשפּאַנט די „באָגי“ און געפֿאָרן צו דער קירכע אין שטעטל, וואָס איז געלעגן שיינע עטלעכע מײַל פֿון דער פֿאַרם. נאָך דער קירכע פֿלעגן זיי אַהיים

שטרויכלונג — שטער, hindrance.

קומען און עסטער האָט געגרייט אַ גוטן מאָלצײַט פֿון פֿלייש, קוכנס און פּעטע פּודינגס, וואָס זי האָט געמאַכט. זי האָט זיך געריייטלט, צוטראָגנדיק די טעלערס צו וואָלפֿס זײַט און אים גרויסע פּאָרציעס דערלאַנגט.

— „האו דו יו לאַיק איט?"*) — האָט זי יעדער מאָל אויף ס'נײַ געפֿרעגט, קוקנדיק אויף אים מיט אַן אָפֿן מויל, דורך וועלכן לאַנגע גויאישע ציין האָבן אַרויסגעקוקט.

נאָכן עסן האָט דער אַלטער אוועקגעזעצט זיך אין אַ שטול און געהייסן דער טאָכטער לייענען די ביבל.

כאָטש אויף דעם שוואַרצן בוך איז געווען אַ גאָלדענער צלם אויסגעמאָלט, האָט וואָלף זיך געפֿילט היימיש דערפֿון, וואָס מען האָט געלייענט. ער האָט געהערט אייניקע זאַכן, וועגן די אָבֿות, וועגן די ייִדן אין מצרים, וואָס פּרעה האָט געפּײַניקט און וואָס גאָט האָט געהייסן משהן, ער זאָל זיי אַרויספֿירן פֿון לאַנד. דאָס האָט אים דערמאָנט אין די ייִנגלשע יאָרן, ווען דער רבי האָט מיט אים געלערנט חומש. דאָס, וואָס די גלאָט צוגעקלעמטע שיקסע לייענט פֿון ייִדישע זאַכן, פֿון אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, וועגן יציאת מצרים, האָט אים אָנגעפֿילט מיט שטאָלץ. ער האָט זיך דערפֿילט דערהויבן.

— „נײַס סטאָרים!"*) — האָט דער אַלטער געלויבט פֿאַר וואָלפֿן די מעשׂיות פֿון דער ביבל. — „קענסט עס?"

— „געוויס!" — האָט וואָלף געזאָגט אַ שמייכלענדיקער. — „דאָס איז וועגן מײַן פֿאָלק..."

— „דהעטס ראַיט!" — האָט דער אַלטער אַ ברום געטאָן און ווײַטער געהערט די מעשׂיות, כאָטש ער האָט זיי שוין געהערט הונדערטער מאָל, יעדן זונטאָג אויף ס'נײַ.

כאָטש דער טאָג איז אַריבער אין גוטע סעודות און לייענען, פֿלעגט פֿון דעסטוועגן וואָלפֿן צוגעגעסן ווערן דער לאַנגער רוטאָג. ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טאָן. ער האָט נישט אויפֿגעהערט פֿײַפֿן זײַנע זעלנערישע לידער און שפּילן זיך מיטן

*) ווי שמעקט עס?

*) אינטערעסאַנטע געשיכטעס.

סעודות (סודעס) — meals.

הונט, וואָס האָט זיך געטוליעט צו זײַנע פֿיס. ער האָט שוין אויס־געקוקט די מינוט, עס זאָל אוועק דער טאָג, דער פּוסטער און לאַנגער, און מען זאָל אַרײַנקריכן אין דער וואָכן און אין דער אַרבעט.

אין איינעם אַ זונטאָג האָט דער אַלטער אים געהייסן אָנטאָן דעם נײַעם קאָסטיום, וואָס ער האָט געהאַט, אַ ווײַס העמד און אַ קראַוואַט. ער האָט אים דערלאַנגט טעלעכע דאָלאַר, וואָס איז אים געקומען פֿאַר זײַן אַרבעט, און אים געהייסן אײַנשפּאַנען די „באָגי" און פֿירן אים מיט דער טאָכטער אין דער קירכע.

ווען וואָלף איז פֿאַרפֿאָרן צום ברייטן פּלאַץ פֿאַר דעם קירכעלע, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן, ביז די באַלעבאַטים זײַנע וועלן אָפּדאַווענען. כאָטש ער האָט זײַט יאָרן שוין, פֿון מיליטער אָן, געגעסן טריפֿהס, געאַרבעט שבת און מיט ייִדישקייט ווייניק געהאַט צו טאָן, האָט ער פֿון דעסטוועגן געהאַלטן, אַז אַ ייִד טאָר קיין עבֿודה זרה ניט דינען, אַז אַפֿילו אַרײַנגיין אין אַזאַ גוייִש אָרט דאַרף מען ניט. אָבער דער באַלעבאָס זײַנער האָט אים אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט און אים געפֿירט צו דער טיר פֿון געבעטהויז.

— „קום אַרײַן, באָי!" — האָט ער אים געזאָגט.

אַ ווײַלע האָט וואָלף זיך געוואַקלט. די פֿיס זײַנען אים ניט געגאַנגען. עסטער האָט אויף אים געקוקט מיט בעטנדיקע אָפּלען. נאָר אין דער מינוט איז אַ יונגער, רויטבאַקיקער מאַן, אין ציווילע קליידער און אין גאָלדענע ברילן, צוגעקומען צו דער טיר און באַגריסט אים.

— „יו'אַר וועלקאָם, סטרענדזשער, אַי'ם די פּריעסט! קאָם אין"*) — האָט ער אים שמייכלענדיק געזאָגט און אָנגעוויזן אויף דער אָפֿענער טיר.

האָט וואָלף אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ דעם שטרויענעם הוט, ווי אַלע מענער, און אַרײַן אינעווייניק.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אומאַנטשלאָסן. ער איז קיין מאָל אין קיין קירכע ניט געווען, אָבער זען אַ קירכע פֿלעגט ער אַ מאָל אין דער היים, אַרײַנקוקן דורך די אָפֿענע טירן. ער האָט געדענקט

עבֿודה זרה (אוואָדע זאָרע) — געצנדינסט — idolatry.

*) איר זענט אַ גוטער גאַסט, פֿרעמדער, איך בין דער גלח. קומט אַרײַן.

די אָפּשרעקנדיקע פֿײַערלעכקייט פֿון דער גויאישער טיפֿלע, די פֿיל ליכט, פֿאָנען, בילדער און יויזלען, די גלחים אין די ווײַסע קליידער, דאָס בלעקערצן פֿון די גויים און גויעס, און מער פֿון אַלץ דאָס קלינגען פֿון די גלאָקן, וואָס האָט גאָרניט אויפֿגעהערט. עפּעס אַ שרעק פֿלעגט אַרויסקומען פֿון די אָפֿענע קירכע־טירן, אַ מורא און אַ חשק אַרײַנצוגיין גלײַכצײַטיק. עס האָט דערמאָנט אין שלעכטס פֿאַר ייִדן, אין צרות, אין בילבולים און אין געשמדטע ייִדישע טעכטער, וואָס אַנטלויפֿן פֿון טאַטע־מאַמע.

אין דעם קירכעלע דאָ איז גאָרנישט געווען דערפֿון, וואָס וואָלף האָט געדענקט פֿון די טיפֿלעס אין דער היים. בלויז עטלעכע ליכט האָבן געברענט און שטענדערס זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען. ניט געווען דאָ קיין בילדער, קיין יויזלעך, קיין גײַסטלעכע אין ווײַסע קליידער, קיין גלאָקן. די מענטשן זײַנען שווײַגנדיקע געזעסן בײַ די שטענדערס און געהערט די דרשה פֿון מאַן אין די ציווילע קליידער. די ווערטער זײַנען ווידער געווען היימישע, וועגן גאָט און די קינדער פֿון ישׂראל.

וואָלף האָט אויפֿגעעפֿנט גרויסע אויגן. קיין ברעקל פֿון עבֿודה־זרה און גויאישער שׂנאה צו ייִדן איז ניט געווען אין דעם הויז, פֿאַר וועלכן ער האָט אַזוי מורא געהאַט אַמאָל. עס איז געווען היימיש און אייגן. עס האָט דערמאָנט אין אַן אייגן שולכל. עסטער איז געזעסן דערנעבן און אים צוגערוקט איר געבעטביכל., ווי אַ מאָל זײַן שוועסטערל פֿלעגט אים צורוקן דאָס סידורל, ווען זיי האָבן ביידע געדאַרפֿט זאָגן עפּעס פֿון איין סידור אַרויס. וואָלף האָט דערפֿילט אַ נאָענטקייט צו דעם הויז, צו די מענטשן אַרום, צום מאַן אין די ציווילע קליידער, וואָס דרשנט, צום מיידל בײַ דער זײַט, וואָס אין דאַווענען טוליעט זי זיך לײַכט צו אים. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין זײַן שוועסטער אין דער היים, וואָס הייסט אויך אסתּר. בײַ איר גאַנצער בלאָנדקייט און גויאישער אויסגעצויגנקייט,

---

ט י פֿ ל ע — church.

י ו י ז ל ע ן — בילדער פֿון קריסטוס (Jesus).

ב ל ע ק ע ר צ ן (איראָנישער אויסדרוק) — to chant.

ש ט ע נ ד ע ר ס — book holders; אַ הויכער געשטעל פֿאַר אַ בוך.

ד ר ש נ ט (דאַרשנט) — preaches.

איז זי אים געווען נאָענט, זײַן באַלעבאָס טאָכטער, ווי אַ ייִדיש מיידל, אַ קרובֿה אַן אייגענע.

נאָכן דאַווענען האָט וואָלף געוואָלט אַהיים פֿירן זײַנע באַלע־באַטים, אָבער דער אַלטער האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— „איך וועל צוגיין אַהיים צו פֿוס,״ — האָט ער געזאָגט, — „און איר בלײַבט אין שטעטל. איר זענט יונגע מענטשן. האָט אַ גוד־טאַים! און קומט צוריק פֿאַר נאַכט, ניט שפּעטער!״

וואָלף האָט אויסגעדרייט די „באַגי״, אַוועקגעזעצט עסטערן לעבן זיך, און צו גלײַך מיט אַלע יונגע פּאָרלעך אין גאַלאָפּ געלאָזט זיך איבער די גאַסן.

אַ גאַנצן טאָג האָט וואָלף זיך אַרומגעפֿירט מיט עסטערן איבער דעם שטעטל. זיי האָבן באַקוקט אין די שויפֿענצטער די סחורות, זיי האָבן באַטראַכט די פֿײַערלעשערס, וואָס האָבן פֿריילעכע מאַרשן מיט גלאַנציקע טרומייטן אויסגעשפּילט; זיי האָבן געגעסן אַ גוטן מאָלצײַט אין אַ רעסטאָראַן, וואו אַ גרויסהאָריקער פּיאַניסט האָט צוגעשפּילט אויף אַן אַלטער פּיאַנע.

— איט׳ס נײַס, איזנ׳ט איט?״*) — האָט עסטער געפֿרעגט אָפֿט בײַ וואָלפֿן.

— „געוויס איז גוט!״ — האָט וואָלף געענטפֿערט.

זיי האָבן גאָרניט געהאַט וואָס צו ריידן.

נאָכן עסן זײַנען זיי אַרויסגעפֿאָרן צו אַ ברייטן פּלאַץ, וואָס איז פֿול געווען מיט קאַרוזעלעס, ריטש־וועגעלעך און אַלערליי אַנדערע פֿאַרווײַלונגען. קונצן־מאַכערס האָבן געמאַכט שוואַרץ־קינצלערײַ. אַן אינדיאַנער מיט לאַנגע צעפּ, ווי אַ נקבֿה, האָט געשלונגען פֿײַערן און געגעסן צעריבן גלאָז. אַ האַלב נאַקעטער נעגער האָט זיך געשפּילט מיט שלאַנגען און געהאַקט טשוועקעס אין האַלץ מיט בלויזע הענט. קאַו־באָיס מיט שטיקער פּעלץ אויף די הויזן זײַנען געשפּרונגען אויף פֿערד און געוואָרפֿן לאַסאָס. מוזיקאַנטן, אָנגעטאָן ווי די גענעראַלן, האָבן פֿריילעכע מאַרשן געשפּילט.

וואָלף האָט אויפֿגעלעבט ווי אַ ייִנגל. ער האָט געקויפֿט עטלעכע

---

*) ס׳גוט, ניט אמת?
נקבֿה (נעקייווע) פֿרוי.

קוילן און געצילט צום גומענעם כינעזער גלײַך אין דער נאָז אַרײַן, פֿאַר וואָס דער אַרומיקער עולם האָט אים אַפּלאָדירט און דער באַלעבאָס פֿון דעם פּלאַץ, אַ פּאַרשוין אין אַ רויטער טערקישער יאַרמלקע, האָט אים אויסגעצאָלט אַ פּודעלע מיט נאַשוואַרג.

— „אַ גוטער שאָס!" — האָט אים עסטער געלויבט, און זי האָט אַ גליקלעכע גענאָגט די נאַשוואַרג, וואָס וואָלף האָט איר אַוועקגעגעבן.

וואָלף האָט איר אויך מכבד געווען מיט וואַרפֿן אַ קויל דעם כינעזער, אָבער זי האָט ניט געטראָפֿן. האָט ער דערפֿאַר גענומען פֿאַר איר און פֿאַר זיך צוויי הילצערנע פֿערד אויף דער קאַרוזעלע און געדרייט זיך גיך אין ראָד, צום טאַקט פֿון דער מוזיק. בײַם שיסן פֿון אַ ביקס אין קאַטשקעלעך, האָט וואָלף ווידער אַרויסגעוויזן זײַן אַמאָליקע זעלנערישע בריהשקייט אין טרעפֿן אין ציל, און אַלע הילצערנע קאַטשקעלעך אַוועקגעלייגט, פֿאַר וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתּנה אַ פֿאַרביקן טעלער מיט אַ חבֿרה יעגער, דאַמען און הינט אויף רויט אויסגעמאָלט. עסטער האָט געשײַנט מיט אַלע אירע גרויסע ציין פֿון אַפּענעם, פֿרייענדיקן מויל אַרום.

— „איט'ס וואָנדערפֿול!" — האָט זי געקוואָלן פֿון גליק.

ווען זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין די ריטש-וועגעלעך, וואָס לויפֿן אַרויף און אַראָפּ מיט אַ קאָפּדרייעריש שנעלקייט, האָט עסטער פֿאַרגעסן איר עלטער און שעמעוודיקייט און געקוויטשעט צו גלײַך מיט אַלע יונגע מיידלעך, יעדער מאָל, וואָס זי האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן לאָז באַרג-אַראָפּ.

— „דזשי (יעזוס)!" — האָט זי געשריִען און געטוליעט זיך צו וואָלפֿן, אײַנקלאַמערנדיק זיך אין זײַנע הענט.

וואָלף האָט זי פֿעסט אין די הענט געהאַלטן, איר פֿלאַכע מענלעכע ברוסט צו זיך צוגעטוליעט, און ווען זיי זײַנען אַראָפּ אין דער פֿינצטער, האָט ער זי געקושט אין די ליפּן, גלײַך ווי אַלע אַנדערע פּאָרלעך האָבן עס געטאָן.

זי איז אַזוי אומגעניט געווען צו אַ מענערישן קוש, אַז זי האָט אים צוריקגעקושט מער מיט די ציין, ווי מיט די ליפּן. דערבײַ איז

גענאָגט — געגריזשעט, gnawed.

מכבד (מעכאַבעד געווען) — treated.

זי אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ווען זייער וועגעלע איז שוין אַרויס אויף דער ליכט און אַלע פּאָרלעך האָבן באַצײַטנס אָפּגעריסן זיך איינער פֿון אַנדערן, האָט זי נאָך אַלץ געקלעפּט צו איר מאַנסביל, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלטיק געלעכטער בײַ אַלע.

אַהיים געקומען זײַנען זיי שפּעטער, ווי דער פֿאָטער האָט אָנגעזאָגט. דער אַלטער איז שוין געשלאָפֿן. דער אַלטמאָדישער זייגער מיט דעם הילצערנעם קוקו האָט שפּעטע שעהן אויסגעקלונגען.

— „גאָט!” — האָט עסטער געשעפּטשעט מיט מורא צו וואָלפֿן, גייענדיק אויף די שפּיץ פֿינגער איבער די שטובן. — „דער פֿאָטער וועט זײַן אין כּעס.”

זי האָט געבעט וואָלפֿן דאָס געלעכטער אין דער פֿינצטער, מורא האָבנדיק אַ לאָמפּ אָנצוצינדן, דער פֿאָטער זאָל זיך ניט אויפֿכאַפּן.

6

טעג, חדשים און יאָרן, ענלעכע איינער צום אַנדערן, ווי טראָפּנס וואַסער, זײַנען געפֿלאָסן אויף דער נײַער ערד אין לעבן פֿון פֿאַרמער ראַבין.

דער שווער זײַנער האָט ניט געלעבט מער און די פֿאַרם מיט אַלע בהמות, עופֿות, הײַזער, שטאַלן, שײַערן און קאַמערן זײַנען איבערגעגאַנגען צו עסטערן און איר מאַן וואָלף, וואָס האָט זיך שוין זײַט יאָרן גערופֿן ווילי, פֿון טאָג פֿון זייער חתונה אָן. זי איז ניט געווען מער אַזוי אָפּגעלאָזן, ווי פֿריִער, די פֿאַרם, ווען דער אַלטער מיט זײַן טאָכטער זײַנען געווען אַליין. ראַבין האָט אויספֿאַרריכט די געבײַדעס, די אַלטע מאַשינען אויסגערייניקט, נײַע צוגעקויפֿט. ער האָט אויך לאָשיקלעך אײַנגעהאַנדלט, ווי אַמאָל אין דער היים, און פֿון זיי גרויסע און שטאַרקע פֿערד אויסגעהאָדעוועט. בהמות און גענדז האָבן זיך געפּאַשעט אויף די לאָנקעס. פֿון פֿאַר טאָג אָן ביז אין אָוונט אַרײַן זײַנען מאַן און ווײַב אײַנגעשפּאַנט

אײַנגעשפּאַנט — harnessed.

געווען אין דער אַרבעט — ווילי אויף די פֿעלדער, ביי די פֿערד אין די שטאַלן און אין דער קאַמער, וואו ער האָט שטענדיק גע־מײַסטערעוועט, האַלץ געשניטן, טשוועקעס געהאַקט, די מאַשינען געשמירט, פֿאַרריכט, גערייניקט און געפֿאַרבט. עסטער איז געווען ביי די קי, ביים מעלקן, ביי די הינער, ביי דער קיך און די טעפּ.

קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט.

זי איז דעריבער גאַנצע טעג געווען ביי דער אַרבעט, אויפֿ־געשטאַנען מיטן בלויען צו גלייך און שלאָפֿן געגאַנגען, ווען דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן.

פּונקט ווי מיידלווייז דעם פֿאָטער, איז זי איצט געווען גע־האָרכזאַם איר מאַן, געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט, און געשוויגן, אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט, ביז ער האָט זי ניט געפֿרעגט. צוליב דעם, וואָס זי האָט קיין קינדער ניט געבוירן, האָט זי זיך געפֿילט שולדיק, כאָטש דער מאַן האָט עס איר קיין מאָל ניט אויפֿ־געוואָרפֿן. צוזאַמען דערמיט האָט זי זיך געפֿילט ניט נאָענט צום מאַן אירן. זי האָט אים ליב געהאַט, פֿאַרערט מיט דאָרפֿישער איבער־געגעבנקייט. אָבער קיין צו ווייבערישע נאָענטקייט, ווי נאָך דעם, ווען מען געבוירט קינדער, האָט זי ניט פֿאַרגונען זיך צו האָבן. זי האָט זיך נאָך אַלץ גערייטלט פֿאַר אים, ווי אין די ערשטע טעג, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער פֿאַרם. זי האָט זעלטן אַ וואָרט אויסגערעדט. זי האָט ניט געהאַט וואָס צו ריידן.

אַזוי האָט אויך געשוויגן ווילי. בלויז אין דער אַרבעט געווען אַרײַנגעטאָן און געפּײַפֿט; ניט מער די אַלטע זעלנערישע לידער, וואָס ער האָט שוין פֿאַרגעסן, נאָר די נײַע, ווי אַלע פֿאַרמער־יונגען. די אַרבעט האָט אַזוי אײַנגעשלונגען, אַז גלייך נאָכן נאַכטעסן איז מען אוועקגעפֿאַלן מידע און אָפּגעשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט מיט איין אָטעם.

די פֿאַרם איז געלעגן אין אַ זייט, אַזוי אַז זעלטן עמעצער איז צוגעקומען. די שכנים אַרום האָבן געוואוסט, אַז דער פֿאַרמער ראָבין איז אַן אַרבעטסמענטש, אַ גוטער באַלעבאָס, אַ שטילער, וואָס קיין מאָל האָט מען ניט מיט אים קיין עסקים, און דאָס איז אַלץ.

— „נײַם דעי טודעי,״ — האָבן זיי אים באַגריסט, ווען זיי האָבן זיך געטראָפֿן מיט אים.

— „פּריטי נײַס,” — האָט ווילי געענטפֿערט.

ווען עס האָט גערעגנט, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז דאָס וועטער איז היפּש שלעכט און ער האָט געענטפֿערט, אַז יאָ, אַזוי איז עס. ווען די היץ האָט געברענט, האָבן זיי אים געפֿרעגט, צי עס איז גענוג וואַרעם פֿאַר אים, און ער האָט דערויף געענטפֿערט: אַ דאַנק, עס איז גענוג וואַרעם.

ער האָט געטראָגן אַ ברייטן, שטרויענעם פֿאַרמערהוט, ווי אַלע אַרום, סאַמעטענע הויזן, וואָס רײַסן זיך ניט און רײַבן זיך ניט אויס. ער האָט געפּיפּקעט די ליולקע און גערעדט מיט אַ פֿאַרמישער אויסשפּראַך, גאָרנישט מיט קיין סימנים פֿון אַ פֿרעמדן. קיין סך ווערטער האָט ער ניט גענוצט, ווי מערסטנס ערדמענטשן. די ווערטער, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזוי, אַז מען האָט אים גאָר פֿאַר קיין פֿרעמדן מער ניט אָנגענומען. דער עולם האָט פֿאַרגעסן זײַנע ערשטע גרינע יאָרן.

פּונקט אַזוי האָט זיי ווילי אַליין פֿאַרגעסן, פֿאַרלוירן פֿון זכרון. ער האָט ניט געשריבן אַהיים קיין בריוו. אין די ערשטע צײַטן האָט ער עס נאָך געהאַט אויפֿן געווויסן, וואָס ער שרײַבט ניט, געטראַכט וועגן דעם. נאָר ער האָט עס אָפּגעלייגט פֿון איין מאָל אויפֿן אַנדערן. ביסלעכווײַז האָט ער פֿאַרגעסן אין אַלעם אַלטן און מער גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם. אַפֿילו אין חלום האָט ער מער דאָס פֿאַרגאַנגענע ניט געזען. ער האָט, איבעריקנס, זעלטן חלומות געהאַט. ער איז אָפּגעשלאָפֿן מיט איין צי, האַרט, ווי אַ שטיין, גאָר־נישט וויסנדיק, וואו די נאַכט איז אים אַהינגעקומען.

ווי לאַנג דער שווער זײַנער האָט געלעבט, איז נאָך געווען אַן אָפּטער אַנהאַלט מיט דעם שטעטל, וואָס איז געלעגן היפּשע עטלעכע מײַל פֿון דער פֿאַרם. דער אַלטער מיט עסטערן זײַנען יעדן זונטאָג אין קירכע געפֿאָרן און ווילי האָט זיי צוגעפֿירט אַ מאָל. נאָכן פֿאָטערס טויט, האָט עסטער אויפֿגעהערט צו פֿאָרן זונטאָג אין קירכע. זי האָט געוואוסט, אַז דער מאַן אירער פֿאָרט ניט גערן דאָרט, און זי איז געבליבן אין דער היים, געקאָכט און געבאַקן. ווילי איז געזעסן אין קלאָרן זונטאָגדיקן העמד און געלייענט דאָס

זכרון (זיקאָרן) — memory.

שטעטלשע בלעטל, וואָס האָט געהאַט קליינע ניַיעס, בלויז היימישע זאַכן פֿון דער שכנהשאַפֿט און אויך פּרײַזן פֿון פֿי און תּבֿואה. אַז עס פֿלעגט קומען צו וואַלן, האָט ווילי געהערט, וואָס שכנים זאָגן, און געשטימט, ווי אַלע אַרום. אַז ער איז אַ מאָל אין אַ „דזשורי" אויסגעקליבן געוואָרן צו משפּטן עמעצן, וואָס האָט די געזעצן פֿון לאַנד געבראָכן, האָט ער אָנגעטאָן דעם זונטאָגדיקן קאָסטיום, ער איז געזעסן אַ שווײַגנדיקער אין געריכט, אויסגעהערט שפּעטער, וואָס דער קאָפּ פֿון די דזשורי-לײַט זאָגט וועגן דער זאַך און פֿאַרורטיילט אָדער באַפֿרײַט, ווי די מערהייט האָט געטאָן.

אין שטעטל איז ער געפֿאָרן זעלטן, נאָר ווען ער האָט נייטיק געדאַרפֿט. גיך האָט ער אײַנגעהאַנדלט, וואָס ער האָט געבּרויכט, און צוריקגעפֿאָרן אַהיים. זעלטן, אַז ער איז אַפֿילו אויף אַ גלאָז ביר אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן. כאָטש עס זײַנען געווען עטלעכע ייִדישע סוחרים אין דער הויפּטגאַס, עטלעכע געציילטע ביזנעסלײַט, וואָס פֿריִער זײַנען זיי דאָ פּעדלערס געווען, האָט ער אויסגעמיטן צו זיי אַרײַנצוגיין. ער האָט קיין מאָל מיט זיי קיין גרויסע מחזקות ניט געהאַט, נאָך יעמאָלט אַפֿילו, ווען ער איז געגאַנגען מיטן פּאַק אויף די וועגן. נאָך ווינציקער האָט ער זיך איצט געוואָלט מיט זיי טרעפֿן. ער האָט ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן מיט זיי. פּונקט אַזוי האָט ער אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט די פּעדלערס, וואָס פֿלעגן אַ מאָל פֿאַרבלאָנדזשען צו זײַן פֿאַרם.

ער האָט קיין זאַכן ניט געדאַרפֿט. אויך עסטער האָט זעלטן עפּעס געקויפֿט. זי האָט אַליין גענייט און געשטריקט, אויספֿאַרריכט, און גאָרנישט קיין ווײַבערישע אַפּעטיטן געהאַט צו די פֿאַרביקע שמאָכטעס און ביליקע צירונג, וואָס די פּעדלערס האָבן אַרומגעטראָגן. זיי האָבן אין גיכן דערשמעקט, די פּעדלערס, אַז אין דער פֿאַרם לייזט מען קיין געלט ניט, און זיי האָבן אויסגעמיטן דעם פּלאַץ.

ווילי האָט פֿאַרגעסן אין אַלעם פֿריִערדיקן, אין נאָענטע, קרובֿים, אַפֿילו די ייִדישע יום-טובֿים זײַנען אים פֿון קאָפּ אַרויס. ניט ער

פֿי — cattle.

מחזקות (מאַכזאָקעס) — געשעפֿטן.

האָט געוואוסט, ווען זיי פֿאַלן אוים, ניט ער האָט געזען יעדן אַרום זיך, וואָס פּראָווען זיי. ער איז ניט געווען אומגלייביק. ער האָט געוואוסט, אַז אַליין האָט זיך די וועלט ניט געמאַכט, אַז די אַלע דונערן און בליצן, שטורמען און ווינטן, גוטע און שלעכטע גערעטענישן, געזונט און קראַנקייטן, געבורט און טויט, קומען ניט גלאַט פֿון זיך, נאָר געפֿירט פֿון גאָט, וואָס זיצט ערגעץ אין די הימלען. אָבער קיין סך וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט. ניט ער האָט געהאַט צייַט דערצו, ניט עס זייַנען אים אַזעלכע געדאַנקען אין קאָפּ געקומען. ווי אַלע, האָט ער אָפֿט גערופֿן גאָטס נאָמען, אָבער דאָס איז ניט געווען מער ווי אַ וואָרט, איינס פֿון די פֿיל אַנדערע ווערטער, וואָס דאָס מויל רעדט אַרוים. ער האָט געזאָגט „גאָד”, ניט טראַכטנדיק וועגן דעם באַשעפֿער, פּונקט ווי ער האָט געזאָגט „דעוויל”, ניט קלערנדיק וועגן שטן. זייַן לעבן איז געגאַנגען גלייַך, ווי אַ רואיק טייַכל, אויסגעפֿילט מיט אַרבעט און מי.

מיט יעדן טאָג איז ער אַלץ מער געוואָרן אייַנגעוואָרצלט אין דער ערד, אַ טייל געוואָרן פֿון איר. זייַנע הענט זייַנען זיך צעוואַקסן, די פּלייצעס זייַנען געוואָרן ברייטער, דאָס פּנים פֿאַרגרעבטער. אַרום זייַן מויל האָבן זיך פֿעסטע קנייטשן אייַנגעגראָבן, ווי בייַ מערסטנס מענטשן אין די יאָרן און אין אַרבעט. די ליולקע האָט געקלעפּט צו זייַנע ליפּן, ווי זי וואָלט געווען אַ גליד פֿון קערפּער. פּונקט אַזוי איז עסטער געוואָרן מיט יעדן טאָג דאַרער און אויסגעטריקנטער. בלויז אירע הענט און פֿים זייַנען געוואָרן צעוואַקסענער און מענלעכער. אַחוץ הירזשען פֿון פֿערד, מרוקען פֿון קי, קוואַקען פֿון הינער און זינגען פֿון פֿייגל, האָט מען דאָ זעלטן אַ וואָרט געהערט. מאַן און ווייַב האָבן געשוויגן, בלויז דאָס נייטיקסטע גערעדט. אין די ווינטערטעג, ווען אַרבעט איז דאָ ווייניקער — פֿלעגט ווילי אַ מאָל אַראָפּנעמען די יעגערביקס, וואָס דער שווער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, און אַוועק צו די זומפּן שיסן אויףווילדע קאַטשקעס אָדער אַרומבלאָנדזשען אין וואַלד, יאָגן זיך נאָך אַ העזל.

אין איינעם אַ זונטאָג, אַ העלן און אַ פֿרידלעכן, ווען ער איז

קנייטשן — wrinkles.

געזעסן נאָכן פּעטן יום־טובֿדיקן מאָלצײַט און געלייענט דאָס בלעטל זײַנס, האָט ער פּלוצעם אָנגעטראָפֿן אויף זײַן אַלטער היים.

דאָס שטעטלשע בלעטל, וואָס האָט תּמיד געשריבן וועגן היימישע זאַכן, וועגן אָרטיקע פּאַרפֿאַלן און וועגן פּרײַזן פֿון תּבֿואה, האָט אָפּט אָנגעהויבן געבן ידיעות פֿון ווײַטע לענדער, וואָס ליגן איבער יענער זײַט ים און וואו באַוואָפֿנטע פֿעלקער שנײַדן זיך און קוילען זיך אין מלחמה צוליב זיי. צוזאַמען מיט די שווערע נעמען פֿון פֿראַנצייזישע שטעט, בערג און טײַכן, האָט ווילי אָנגעטראָפֿן אויך היימישע נעמען, אייגענע, וואָס ער האָט זיי, ווי זײַנע אייגענע צען פֿינגער פֿון די הענט, געקענט. די טײַכן „סאַן", און „וויעפּזש", אין וועלכע ער האָט זיך געבאָדן, מיט שיפֿלעך אַרומגעפֿאָרן, זײַנען אין דער צײַטונג געווען אָפּגעדרוקט. גרויסע שלאַכטן צווישן די רוסישע און עסטרײַכישע אַרמייען זײַנען צוליב זיי אָנגעגאַנגען. צווישן די שטעטלעך און דערפֿער, וואָס זײַנען גרײַזיק אָפּגעדרוקט געווען אין בלעטל, זײַנען אויך זײַנע דערפֿער און שטעטלעך אויסגערעכנט געווען, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, געלעבט דאָרט, וואו זײַנע עלטערן און קרובֿים זײַנען פֿאַרבליבן. ווילי האָט אַרויסגעלאָזן די ליולקע פֿון מויל און געבליבן זיצן אַן אָפּהענטיקער.

— „וואָס׳ס ד׳מעדער, ווילי?"*) — האָט עסטער געפֿרעגט אַ דערשראָקענע, זעענדיק איר מאַן צום ערשטן מאָל אַזאַ פֿאַרלוירענעם.

ווילי האָט איר איבערגעגעבן דאָס בלעטל און אָנגעוויזן אויף די שלעכטע נײַעס. עסטער האָט זיך געשטיקט מיט די שווערע, פֿרעמדע נעמען, וואָס זײַנען שטאַרק צעקאַליעטשעט געוואָרן אין איר ענגליש מויל, גאָרנישט צו דערקענען, און זי האָט דאָס בלעטל גלײַך אַוועקגעלייגט.

— „פּור פּיפּל,"*) — האָט זי געזאָגט אַ גלײַכגילטיקע, פּונקט ווי זי פֿלעגט זאָגן, ווען זי האָט אַ מאָל געלייענט וועגן אַ גרויסן

ידיעות (יעדיעס) — information, news.

אָפּהענטיקער — אַ פֿאַרלאָרענער, אַן אומעטיקער, איינער וואָס ווייס ניט וואָס צו טאָן; discouraged.

*) וואָס איז געשען, ווילי?

*) אָרעמע מענטשן.

הונגער אין כינע, וועגן אַן ערד־ציטערניש אין יאַפּאַן, צי ערגעץ וועגן אַ פֿאַרפֿלייצונג אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם אינדזל.

זי האָט זיך גלײַך גענומען צו אַ שטובאַרבעט. ווילי איז געבליבן זיצן אַ דערדריקטער.

זײַן היים, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, קרובֿים, באַקאַנטע, אַלע, וואָס ער האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן פֿאַר די אַלע יאָרן אין דער פֿאַרם, זײַנען מיט אַ מאָל געקומען אים אין קאָפּ, געשטאַנען אים ווי לעבעדיקע פֿאַר די אויגן. אַ בענקשאַפֿט, אַ נאַגנדיקע און אַ שאַרפֿע, האָט געצויגן בײַם האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט די פּיפּקע זײַנע ניט געהאַט קיין טעם, ביטער געווען ווי גאַל אין מויל. עסטער האָט אים צוגעטראָגן קאַווע מיט קוכן, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט יעדן זונטאָג נאָכן עסן. זי האָט געוואוסט, אַז דער מאַן איר׳ער האָט ליב, אַז אין דער קאַווע זאָל זי אים צוזאַמען מיט דער מילך אַרײַנגיסן אויך די פֿעטע מילכהויט, ווי ער פֿלעגט טרינקען אין דער אַלטער היים, און זי האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן אים אַזוי די קאַווע צו מאַכן, ער זאָל הנאה האָבן. ווילי האָט זיך צו דער קאַווע און קוכן ניט צוגערירט.

— „פֿאַר וואָס טרינקסטו ניט? עס ווערט קאַלט.“ — האָט אים עסטער געמונטערט. — „ביסטו קראַנק?“

— „כ׳בין געזונט,“ — האָט ווילי אָפּגעענטפֿערט קאַלט און דערפֿילט אַ פֿרעמדקייט צו זײַן ווײַב, וואָס פֿילט אים ניט מיט, פֿאַרשטייט ניט, אַז איצט האָט ער ניט דעם קאָפּ צו גוטע זאַכן.

אַלע זײַנע עוולות קעגן טאַטע־מאַמע, אייגענע, זײַנען אים אין קאָפּ געקומען און געפּײַניקט. ווער ווייסט, וואָס עס איז מיט זיי? אפֿשר לעבן זיי שוין גאָרנישט? ווי אַ הפֿקר־יונג, ווי אַ ממזר, איז ער אַוועק פֿון זיי און ניט צו וויסן געגעבן, וואו זײַן געביין איז אַהינגעקומען. איין קאַרטל האָט ער געשריבן, פֿון דער גאַליצישער זײַט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען צו עפּעס אין נײַעם לאַנד, וועט ער שרײַבן. אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטן. און האָט

מילכהויט — milk crust.

הפֿקר־יונג (העפֿקער) — איינער וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַלע פֿליכטן, וואָס איז קיינעם ניט געטרײַ. licentious person, libertine.

ממזר (מאַמזער) — illegitimate child, bastard.

גאָרניט צו וויסן געגעבן וועגן זיך. גאָט אין הימל ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָרט איבערגעטראַכט! איבער הויפּט די מאַמע זײַנע. זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט, אַנגענומען זיך שטענדיק פֿאַר אים, ווען דער פֿאָטער פֿלעגט אים שטראָפֿן פֿאַר ניט וועלן לערנען. זיי האָבן זיך שוין געמוזט מיאש זײַן פֿון אים. אפֿשר שבֿעה נאָך אים געזעסן און קריעה געריסן.

ער האָט געפּרואווט זיך דערמאָנען דער מוטערס פּנים, זען זי ווי אַן אַלטע — ווײַל עס זײַנען דאָך שוין אַזוי פֿיל יאָרן פֿאַרבײַ־געלאָפֿן; אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן זי אַנדערש, ווי ווען ער האָט זי איבערגעלאָזט פֿאַרן אוועקפֿאָרן. שווערער איז עס אים צוגעגאַנגען אין אָרויסרופֿן אין זכּרון דעם פֿאָטער, שוועסטער און ברידער. עפּעס זײַנען צערונען זייערע געשטאַלטן, פֿאַרבײַ־געגאַנגען פֿאַר זײַנע אויגן. אַפֿילו קיין פֿאָטאָגראַפֿיע האָט ער ניט מיטגענומען קיינעמס פֿון זיי, גאָרנישט ווי זיי וואָלטן אייגן בלוט און פֿלייש געווען, נאָר שטיינער ווּיסטע.

ווילי האָט דערפֿילט אַ בושה פֿאַר זיך אַליין, ווי ווען מען כאַפּט זיך אַליין בײַ אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך.

אמת, זיי האָבן ניט גוט געטאָן, די טאַטע־מאַמע. ער האָט זיי אַזוי געבעטן די גאַנצע צײַט, זיי זאָלן דאָס דאָרף ניט פֿאַרקויפֿן, וואַרטן אויף אים, ביז ער וועט צוריקקומען פֿון די זעלנערס און אַ נעם טאָן זיך צו דער אַרבעט. זיי האָבן אים ניט געהערט און פֿאַרקויפֿט דאָס דאָרף. זײַנע פֿערד, וואָס ער האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעהאָדעוועט, האָבן זיי פֿאַרהאַנדלט, פֿאַר אַ דריטל געלט פֿאַרשאַכערט און פֿאַרטאַכלעוועט עס אין אַ קראָם אין

מיאש זײַן (מעיאעש) — דאָ: פֿאַרלירן די האָפֿענונג (צו געפֿינען דעם זון).

שבֿעה זיצן — טרויערן זיבן טעג נאָך אַ טויטן; מען זיצט דערבײַ אויף נידעריקע בענקלעך.

קריעה (קריע) רײַסן — אײַנרײַסן (tear) די קליידער אין טרויער נאָך אַ נאָענטן טויטן (אַזאַ מינהג בײַ ייִדן).

פֿאַרשאַכערט — פֿאַרקויפֿט ביליק.

פֿאַרטאַכלעוועט — פֿאַרנוצט אויף ניט קיין גוטן צוועק.

שטעטל, וואו מען האָט קיין קונה פֿאַר די אויגן ניט געזען. דאָס איז געווען ניט גוט פֿון פֿאָטער, וואָס ער האָט אַזוי געטאָן. צוליב קאָנען זיצן און פּלוידערן מיט די ייִדן אין מאַרק, האָט ער פֿון אַ פֿאַרמעגן אַ תּל געמאַכט, צעטרענצלט אַלץ. צוליב דעם האָט ער געמוזט אַנטלויפֿן. אָבער אין גאַנצן אָפּרײַסן זיך פֿון טאַטע־מאַמע האָט ער ניט געדאַרפֿט, באַזונדערס פֿון דער מאַמען. זי איז גאָר־נישט שולדיק געווען. זי האָט געטאָן, וואָס דער פֿאָטער האָט פֿון איר פֿאַרלאַנגט. אַ זון האָט ער געדאַרפֿט זײַן, לאָזן וויסן וועגן זיך, אַ בריוו אַ מאָל שרײַבן, עטלעכע טאָלער שיקן. ווער ווייסט, צי זיי האָבן געהאַט אויף צו לעבן? מעגלעך, אַז זיי זײַנען פֿון צרות קראַנק געוואָרן, אפֿשר גאָר פֿון דער וועלט אַוועק, און ער, זייער זון, האָט אַפֿילו ניט געוואוסט, קיין קדיש נאָך זייערע נשמות ניט געזאָגט. מעגלעך, אַז צוליב זײַנע זינד לײַדן זיי אין גיהנום. ער איז פֿון ייִדישקייט אַוועק, פֿירט זיך ווי אַ גוי, ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טובֿ, אַפֿילו וועגן יום־כּפּור ווייסט ער ניט. און חתונה געהאַט האָט ער מיט אַ גויע. ווען זיי זאָלן דאָס וויסן!

ווילי האָט דערפֿילט אַ משׂא אויף זײַנע פּלייצעס, די גלײַכע און פֿעסטע, וואָס נעמען די שווערסטע זעק לײַכט, ווי אַ פֿעדער, אויף זיך. דאָס בלעטל זײַנס האָט ביטערע נײַס געשריבן וועגן די עלטערנס שטעטל. זעלנער זײַנען אַרײַן, אַרוים. ער האָט געדענקט די רוסישע סאָלדאַטן, די קאָזאַקן מיט די פּיקעס, וואָס אַפֿילו אין גוטן פֿלעגן זיי שלאָגן די פֿאַרבײַפֿאָרנדיקע ייִדן אויף די וועגן, מיט די פּיקעס אַראָפּכאַפּן, וואָס זיי האָבן געטראָפֿן אין וועג. רוצחים זײַנען זיי געווען. איצט, אין מלחמה־צײַט, ווער ווייסט, וואָס זיי טוען אָפּ דאָרטן! זיי קערן ברענען און בראָטן די מענטשן דאָרט, זײַנע טאַטע־מאַמע, אויב זיי לעבן, זײַנע שוועסטער, ברידער און קרובֿים. אין דער צײַט, ווען ער זיצט דאָ זיכער און אין פֿרידן, אין אַן אייגענער באַלעבאַטישקייט, מוזן זיי דאָרט לויפֿן פֿון זייערע

פּלוידערן — chatter.

אַ תּל (טעל) געמאַכט — ruined.

פּיקעס — spears.

רוצחים (ראָצכים) — מערדערס.

קערן — קענען.

היימען, וואָס זײַנען פֿאַרברענט, אפֿשר אין די וועלדער זיך אויס־באַהאַלטן. מעגלעך, אַז זיי דאַרפֿן גאָר אויסשטרעקן די הענט און בעטלען אַ שטיקל ברויט.

עסטער האָט אַ ניט־דרייסטע זיך צוגעשאַרט צו איר מאַן און אים מיט איר שווערער מענערישער האַנט געגלעט איבערן אַקסל, כּדי אים אַרויסצוברענגען פֿון זײַן שווערן געמיט. זי האָט קיין גרויסע בריהשקייטן אין אַרויסווײַזן ליבע אַ מאַן ניט געוואוסט. אויך קיין צערטלעכע ווערטער האָט זי ניט פֿאַרמאָגט, קיין ווייכע רייד. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער מאַן אירער האָט צרות צוליב מענטשן אין אַ ווײַט לאַנד. אָבער זי האָט אים ניט געקענט שטאַרק מיטפֿילן. כאָטש זי האָט איר מאַן ליב געהאַט און געוואוסט, אַז ער אַליין קומט פֿון אַ ווײַט לאַנד ערגעץ איבערן גרויסן ים, האָט זי אָבער זיך געפֿילט אין גאַנצן פֿרעמד פֿון עפּעס מענטשן פֿון אַן אַנדערן וועלטטייל, וועלכע זי האָט קיין מאָל ניט געזען, ניט געהערט און ניט געוואוסט וואָסער פּנים זיי האָבן.

— „וויליאַם,‟ — האָט זי געזאָגט, — „אויב דו ווילסט טרינקען די קאַווע, וועל איך זי דיר אָנוואַרעמען.‟

זי האָט אים אויך אָנגעשטאָפּט די ליולקע און אָנגעצונדן, כּדי ער זאָל אין רייכערן אין עגמת־נפֿש פֿאַרגעסן. אָבער ווילי האָט ניט געוואָלט די זיסע זאַכן אין מויל נעמען, ניט רייכערן. ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל האָט ער אויפֿגעהויבן דאָס בלעטל און געלייענט די נײַעס וועגן די מלחמה־שלאַכטן אין זײַן היים.

פֿון איצט אָן האָט ער מער אין די זונטאָגס ניט גענומען זיך צו דער זײַט אין דער צײַטונג, וואו די פּרײַזן פֿון תּבֿואה זײַנען אויסגערעכנט, נאָר צו דער זײַט פֿון די מלחמה־באַריכטן.

אין איינעם אַ זונטאָג האָט ער אויך אויסגעזוכט די טינט און פֿעדער, וואָס מען האָט זעלטן גענוצט. ער האָט אַרײַנגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס וואַסער אין פֿאַרטריקנטן ביסל געדיכטקייט, כּדי אַרויסצוקריגן אַ ביסל טינט. ער האָט אָפּגעקראַצט די פּען פֿון ראָסט און אָוועקגעזעצט זיך שרײַבן אַ בריוו אַהיים, דעם ערשטן בריוו פֿאַר אַזוי פֿיל יאָרן.

עגמת נפֿש (אַגמעס נעפֿעש) — האַרצווייטיק, פֿאַרדרוס, grief.

ער האָט זיך געמאַטערט בײַם דערמאָנען דעם ייִדישן אַלף־בית, וואָס איז אים אַרויס פֿון קאָפּ. איבער הויפּט האָט ער געהאַט צרות מיט דעם גימל און דעם זײַען, וואָס ער האָט ניט געדענקט, אין וועלכער זײַט אויסצובייגן דאָס קעפּל אין אַ האַלבער לבֿנה — אויף דער רעכטער זײַט צי אויף דער לינקער. פּונקט אַזוי זײַנען אים די ווערטער געווען פֿרעמד, פֿאַרגעסן. נאָך דעם „מײַנע ליבע עלטערן”, איז אים ווײַטער ניט געגאַנגען. מעקנדיק און קלעקנדיק, מיט מער ענגלישע ווערטער ווי מיט ייִדישע, האָט ער מיט גרויסע צרות צונויפֿגעשטעלט אַ קרוץ בריוול, בײַ וועלכן ער האָט זיך מער דער־שוויצט, ווי בײַ אָפּשנײַדן אַ פֿעלד. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט זײַנעם, וואו ער האָט געהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש אונטערן שטרוי־זאַק זײַן געלט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם צענער־דאָלאַר און פֿאָרזיכטיק אים אַרײַנגעפּאַקט אין בריוול, אַזוי אַז די פּאָסט־טרעגערס זאָלן זיך ניט כאַפּן, וואָס דאָרט ליגט. דערנאָך האָט ער אײַנגע־שפּאַנט די „באַגי” און אַוועקגעפֿאָרן אין שטעטל אײַנצוקויפֿן אַ קאָנווערט און אַ פּאָסט־מאַרקע, וואָס ער האָט קיין מאָל אין שטוב ניט געהאַט.

צום ערשטן מאָל איז ער אַרײַן צום ייִדישן אַפּטייקער, וואָס האָט געעפֿנט אַן אַפּטייק אין שטעטל. קויפֿנדיק קאָנווערטן און מאַרקעס, האָט ער אין איינעם אַ פֿרעג געטאָן בײַם אַפּטייקער וועגן דער רוסיש־עסטרײַכישער מלחמה, וואָס גייט אָן אין פּוילן, און וואָס אַזוינס מען שרײַבט וועגן דעם. דער אַפּטייקער, אַ קורץ געוויקסיקער, מיטליאָריקער מאַן, מיט לויטערע, דיקע ברילן־גלעז־לעך, דורך וועלכע די אויגן זײַנע האָבן אויסגעזען דאָפּלט גרויס און שוואַרץ, האָט גלײַכגעלייגט אויפֿן טיש די פֿאַרביקע שטיקלעך זייף אין אַן אָרדענונג און אַן איינציק ייִדיש וואָרט אין זײַן ליטווישן ענגליש אַרײַנגעוואָרפֿן:

— „צרות!” — האָט ער געזאָגט.

ווילי האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם בריוו אין פּאָסט־קעסטל מיט אַ ציטערדיקער האַנט, ווי מען וואַרפֿט אַן אוצר אין אָפּגרונט אַרײַן, און גענומען פֿון איצט אָן אויסקוקן דעם פּאָסט־טרעגער. אָבער ער איז ניט געקומען, דער פּאָסט־טרעגער. ניט ער האָט געבראַכט אַן ענטפֿער, ניט ער האָט צוריקגעבראַכט דעם אַרויסגעשיקטן

בריוו, אויף וועלכן דער אַדרעס פֿון דער פֿאַרם איז געווען אָנגע־שריבן. יעדער מאָל, ווען ווילי האָט גענומען זײַן אין שטעטעלע, איז ער פֿאַרפֿאָרן צום אַפּטייקער און אײַנגעקויפֿט עפּעס, כאָטש ער האָט גאָרנישט געדאַרפֿט. ער האָט געוואָלט הערן נײַעס פֿון יענער זײַט ים. דער אַפּטייקער האָט גלײַכגעלייגט די שטיקלעך שמעקעדיקע זייף, ווי שטענדיק, און אַרײַנגעוואָרפֿן אין זײַן ליטווישן ענגליש ייִדישע ווערטער:

— „צרות גרויסע, אין דער אַלטער היים. יעס, סער!"

7

ער איז געקומען, דער פּאָסט־טרעגער, מיט אַן ענטפֿער צו רובינס פֿאַרם, אָבער מיט אַ גאָר פֿאַרשפּעטיקטן, אַזש אויף פֿיר יאָר צײַט. אויף אַ היימישן קאָנווערט, באַקלעפּט מיט אַ סך מאַרקעס, פֿרעמדע און שטאַרק פֿאַרביקע, וואָס אין פֿריִערדיקן רוסלאַנד האָט מען גאָר אַזעלכע ניט געזען, איז אַ שלעכט געשריבענער אַדרעס געווען אָנגעשריבן, מיט בוכשטאַבן ווי קאָטשערעס.

פּונקט ווי דער אַדרעס איז געווען שלעכט געשריבן, אַזוי זײַנען די עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר אינעווייניק געווען געשריבן מיט געקינצלטע, אויסגעציקלטע און געדיכט אָנגעפּיקעטע ייִדישע שורה־לעך, יעדער וואָרט געפּינטלט און באַצירט. ווילי האָט גלײַך דער־קענט דעם פֿאָטערס כּתבֿ. פּונקט מיט אַזעלכע געקינצלטע ווערטער פֿלעגט ער אים אַ מאָל שרײַבן אין פֿאָלק אַרײַן, ווען ער האָט געדינט. דאָס האָט אים אָנגעפּילט מיט שׂמחה. אָבער וויפֿל ער האָט ניט געפּרואווט מאַטערן זיך און אָרויסנעמען די אויגן, כּדי איבער־צולייענען דאָס, וואָס אין בריוו שטייט, האָט ער ניט געקענט.

קאָטשערעס — דאָ: זייער שלעכט געשריבענע אותיות, געמאַכט פֿון איינעם וואָס קען קוים שרײַבן.

אויסגעציקלטע — שיין געשריבענע.

אָנגעפּיקעטע שורות — not spaced lines.

באַצירט — with ornaments.

כּתבֿ (קסאָוו) — האַנטשריפֿט, hand-writing.

ער האָט שוין גאָר געהאַט פֿאַרגעסן דעם פֿאָטערס כּתבֿ. דערצו זײַנען די ווערטער געווען געמישט, פֿול מיט היימישן לשון־קודש. ערשט צום סאַמע סוף זײַנען געווען צוגעשריבן עטלעכע ווערטער, גרויסע און אומגעלומפּערטע. ווילי האָט אין זיי דערקענט דער מוטערס שלעכטן כּתבֿ, און דערפֿאַר טאַקע זיי גיכער איבערגעלייענט.

— „מײַן ליבער זון וועלוול," — האָט זי געשריבן שוין צום סאַמע סוף, אויף אַ ברעג פּאַפּיר, וואו דער פֿאָטער האָט איר צוגע־וואָרפֿן אַ פּאָר ליידיקע שורות אין זײַן געדיכטן, לאַנגן בריוו.

ווילי איז רויט געוואָרן. גאָט, ווי לאַנג ער האָט שוין דעם ייִנגלישן נאָמען ניט געהערט!

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דער מוטערס קאָטשע־רעס, אָבער וואָס עס איז דאָרט געשען מיט די זײַניקע, האָט ער פֿון אירע ווערטער ניט געקאָנט דערגיין. זי האָט בלויז עטלעכע ווערטער געשריבן, פֿול מיט ליבע רייד, אָבער אָן אַן אינהאַלט. דער גאַנצער זין האָט געמוזט זײַן אין פֿאָטערס געדיכטע שורהלעך, פֿון וועלכע ווילי האָט זעלטן אַ וואָרט פֿאַרשטאַנען. און ער האָט אײַנגעשפּאַנט די בריטשקע, און כאָטש עס איז פֿיל אַרבעט געווען אין דער פֿאַרם, איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין שטעטל צום אַפּטייקער, ער זאָל אים איבערלייענען דעם בריוו. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערלאַנגט די פֿערד זײַנע מיט דער בײַטש זיי זאָלן גיכער לויפֿן.

דער אַפּטייקער האָט אויסגעפּוצט די דיקע גלעזלעך פֿון זײַנע ברילן אויף לויטער און לאַנג געלייענט די געדיכטע בייגעלעך פּאַפּיר.

„צו מײַן זון, דעם טײַערן, דעם גלוסטונג פֿון מײַן זעל, דעם שוואַרצאַפּל פֿון מײַן אויג, דער כּבֿוד פֿון זײַן נאָמען איז זײַן שיינ־קייט, זאבֿ וואָלף, זײַן נאָמען זאָל לויכטן און שײַנען", — האָט דער בריוו זיך אָנגעהויבן אין לשון־קודש און באַלד נאָכן טיטל איז ער אַריבער אין ייִדיש.

לשון־קודש (לאָשן קוידעש) — די הייליקע שפּראַך, העברעיִש.
בריטשקע — half covered vehicle.
לויטער — קלאָר, ריין.
שוואַרצאַפּל — pupil of the eye.

„ווי אַ בת־קול פֿון הימל, אַזוי איז אָראָפּגעקומען דײַן טײַערער בריוו צו אונדז. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען פֿון דיר און געטראַכט מיט פּײַן, אַז דו ביסט, חלילה, פֿאַר־לוירן געגאַנגען פֿון אונדז, דען מיר האָבן קיין הערונג ניט געטאָן הערן פֿון דיר, איז די גוטע בשׂורה אָנגעקומען אין די טעג פֿון ווייטיק און זיפֿץ, ווי יעקבֿ אָבֿינו, ווען מען האָט אים געבראַכט די בשׂורה, אַז זײַן זון יוסף לעבט, האָב איך געזאָגט — נאָך לעבט מײַן זון! איך האָב געמאַכט אַ שהחינו, הערנדיק די גוטע בשׂורה, און אויך דײַן מוטער, מײַן באַשערטע זאָל לעבן, האָט אַ ברכה געמאַכט און געוויינט פֿון פֿרייד, דען איר שׂמחה איז געווען אָן אַ שיעור. און אַלע דײַנע ברידער און שוועסטער, זאָלן לעבן, גם זייערע קינדער און פֿרײַנד, האָבן געפֿרייט זיך און גאָט געדאַנקט. און מיר האָבן צו גאָט געבעטן, ער זאָל דיר מוחל זײַן דײַן צער, וואָס דו האָסט אונדז אָנגעטאָן אַזוי לאַנג, דען צוליב דײַן שווײַגן, האָבן מיר איבער־געטראַכט, אַז חלילה איז אונדז באַשערט צו גיין אין קבֿר אין צער... גאָט זאָל דיר פֿאַרגעבן!"

נאָך פֿיל מליצה־רייד, געמישט אין ייִדיש און אין לשון־קודש, פֿאַרבראָקט מיט פּסוקים און גלײַכווערטלעך, וואָס דער אַפּטייקער האָט גיך איבערגעלייענט, ניט קענענדיק איבערזעצן זייער מיין און טעם פֿאַר ווילי דעם פֿאַרמער, איז ער אַרויס צו דער נײַס פֿון דער היים:

„...ווען אַלע טײַכן זאָלן זײַן טינט, אַלע הימלען פּאַרמעט

בת־קול (באַס־קאָל) — אַ שטים פֿון הימל.

שהחינו (שעכע־יאָנו) — אַז מיר האָבן דערלעבט; אַ ברכה (grace) אין וועלכער מען דאַנקט גאָט אַז מען האָט דערלעבט צו עפּעס. (אין דעם פֿאַל: אַז ער האָט דערלעבט צו הערן פֿון דעם זון, וועמען ער האָט באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַרלאָרענעם.)

ברכה (בראָכע) — grace.

גם (גאַם) — אויך.

גיין אין קבֿר (קייווער) אין צער (צאַר) — שטאַרבן מיט דעם ווייטאָג אַז מען האָט פֿאַרלאָרן אַ קינד.

מליצה (מעליצע) רייד — שיינע רייד, רעטאָרישע רייד.

פֿאַרבראָקט — דורכגעמישט.

פּסוקים, פּסוק (פּאָסיק) — זאַצן פֿון תּנך.

פּאַרמעט — parchment.

און אַלע וועלדער פֿעדערס," — האָט דער פֿאָטער געשריבן מיטן פּסוק פֿון אקדמות, — „וואָלט איך ניט געקענט באַשרײַבן דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די יאָרן פֿון מלחמה פֿון די רוצחים און בייזוויליקע לײַט, וואָס האָבן וויסט געמאַכט די געצעלטן פֿון יעקבֿ און פֿאַרטיליקט די בעסטע פֿון צווישן אונדז. ווײ איז אונדז, דען זיי האָבן פֿאַרברענט דאָס בית־המדרש, קוים וואָס מען האָט די רייניקייטן געראַטעוועט. אונדזער רבֿ, זײַן נאָמען זאָל זײַן צווישן די ריינע און הייליקע, האָבן זיי, ווײ צו אונדזערע אויגן, וואָס האָבן דאָס געזען, געהאַנגען צום געשפּאָט און געלעכ־טער פֿון אונדזערע פֿײַנד. דען בייזוויליקע האָבן אויף אים אַ בילבול געמאַכט, דאָס ער האָט געגעבן צייכנס צו די חיילות פֿון קיר"ה, וואָס דאָס איז געווען ליגן און שקר. זיי האָבן אויך דערשאָסן פֿיל בעלי־בתים, פֿון די שענסטע פֿון דער קהילה, אַזוי אויך פּראָסטע לײַט, און אַפֿילו קיין ווײַבער און קינדער ניט געשוינט. אַנדערע זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן ווײַט קיין רוסלאַנד, אַזוי, אַז מיר וויסן ניט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. אויך האָבן זיי אונטער־געצונדן דאָס שטעטל, אַזוי, אַז ייִדיש האָב־און־גוטס איז אוועק מיטן רויך. אויך מיר האָבן פֿאַרלוירן ביז אַ בענדל פֿון די שיך. נאַקעט און הויל זײַנען מיר אַרויס, און מיר זײַנען שוין ניט קיין יונגע לײַט מער."

ווילי האָט אויסגעווישט מיט אַ האַרטער האַנט אַ טרער פֿון זײַנע אויגן און זי אַראָפּגעוואָרפֿן אויף דער ערד, אויף דעם שיינעם

אַ ק ד מ ו ת (אַקדאָמעס) — לויבלידער צו גאָט און ייִדישן פֿאָלק וואָס ייִדן זאָגן שבֿועות.

ד י ג ע צ ע ל ט ן פֿ ו ן י ע ק בֿ — די ייִדישע היימען.

ר י י נ י ק י י ט ן — סיפֿרי תּורות (סיפֿרע טוירעס).

ח י י ל ו ת (כאַיאָלעס) — אַרמייען.

ק י ר " ה (קירע) — די ערשטע אותיות פֿון: קייסער יורם (יוירעם) הודו (הוידע) — דער נאָמען פֿון קייסער זאָל גרויס זײַן. אַזוי פֿלעגן די ייִדן רעדן וועגן דעם עסטרײַכישן קייסער; חיילות פֿון קיר"ה — די עסטרײַ־כישע אַרמייען.

ק ה י ל ה (קהילע) — Community, Congregation.

ו ו א ו ז י י ע ר ג ע ב י י ן א י ז אַ ה י נ ג ע ק ו מ ע ן — ניט וויסן וואָס מיט זיי איז געוואָרן.

אויסגעפּלאָסטערטן דיל, וואָס האָט געגלאַנצט פֿון זויבערקייט. דער אַפּטייקער האָט אויף אים אַ בליק געגעבן פֿון אונטער די דיקע גלעזלעך און דורכגעלאָזט גיך עטלעכע שורות, ווי מען לאָזט דורך אין מחזור, ווען עס איז דאָ צו פֿיל צו זאָגן.

„אָבער געלויבט גאָטס נאָמען," — האָט ער געלייענט האַפּערדיקער, — „אַז מיר האָבן אַלץ איבערגעלעבט. דען עס וועט ניט פֿאַרטיליקט ווערן יעקבֿ און עס וועט ניט אויסגעמעקט ווערן זײַן נאָמען. אויך האָבן מיר געקראָגן די בשׂורה פֿון דיר, אונדזער אויג אין קאָפּ. זאָל זײַן געלויבט גאָט אין הימל, וואָס ער האָט דיך אויסגעהיט פֿון יעדן בייז, דען ווען דו בלײַבסט דאָ, וואָלסטו געמוזסט גיין אין מלחמה. נישטאָ דאָס שלעכטע, וואָס זאָל אויף גוטן ניט אויסגיין. און גאָט האָט אַזוי געמאַכט, דו זאָלסט אויף יענער זײַט ים אַוועק, כּדי דו זאָלסט ניצול ווערן פֿון שלעכטס; בפֿרט, ווען דו ביסט, ברוך־השם, אַ בעל־פּרנסה, ווי דו שרײַבסט, און דו האָסט דײַן אויסקומעניש בכּבֿוד."

דער אַפּטייקער האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ ביסל שורות, אונטערגעבראָמט זיי אונטער דער נאָז און אַרויס צום לעצטן טייל פֿון גרויסן בריוו:

„...זון טײַערער," — האָט ער געלייענט, — „נישטאָ קיין רו גאָר פֿאַר אונדז. עס איז מקוים געוואָרן די קללה פֿון דער תּוכחה —

מחזור (מאַכזער) — אַ סידור מיט די תּפֿילות פֿאַר די יום־טובֿים.

האַפּערדיקער — פֿריילעכער, מונטערער.

עס וועט ניט פֿאַרטיליקט ווערן יעקבֿ און עס וועט ניט אויסגעמעקט ווערן זײַן נאָמען — אַן איבערזעצונג פֿון אַ פּסוק מיטן געדאַנק אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אייביק און קען איבערלעבן אַלע צרות.

ניצול (ניצל) — געראַטעוועט ווערן.

בפֿרט (ביפֿראַט) — באַזונדערס, especially.

ברוך־השם (באָרעך האַשעם) — געלויבט איז גאָט.

בעל־פּרנסה (באַל־פּאַרנאָסע) — אַ גוטער פֿאַרדינער.

בכּבֿוד (בעקאָוועד) — דאָ: אַ שיינע, גוטע, אָנשטענדיקע (descent)

קללה (קלאָלע) — פֿלוך, curse.

תּוכחה (טויכעכע) — די שטראָף־רייד, דער קאַפּיטל פֿון דער תּורה וואו עס ווערן אויסגערעכנט אַלע קללות, מיט וועלכע גאָט וועט באַשטראָפֿן די ייִדן אויב זיי וועלן ניט גיין אויפֿן וועג פֿון יושר (יוישער).

איינער וועט יאָגן טויזנט. נבֿזהדיקע לײַט, וואָס זײַנען נכנע געווען און געזוכט בײַ אונדז אַ גראָשן צו פֿאַרדינען, זײַנען פֿון מיסט אויפֿגעהויבן געוואָרן און זיי דערנידעריקן אונדז. אונדזער לעבן איז הפֿקר און צו שפּאָט און שאַנד. ווער עס קאָן, אַנטלויפֿט מעבֿר־לים. דעריבער טוען מיר זיך צו דיר ווענדן און בעטן דיך, דו זאָלסט רחמנות האָבן אויף אונדזערע אַלטע יאָרן און אונדז ראַטעווען פֿון שונאימס הענט, דען מיר האָבן שוין מער קיין קרעפֿטן ניט דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. שווער זײַנען די פּײַן פֿאַר אונדזערע אַלטע ביינער. אַוודאי האָב איך ניט גערעכנט קיין מאָל, אַז איך זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו אַ קינד, אויך ניט געטראַכט, איך זאָל דאַרפֿן אויף מײַנע עלטערע יאָרן אַוועק פֿון מײַן היים און ליגן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אויף פֿרעמדער ערד. אַבער, זעט אויס, אַז גאָט וויל אַזוי, און קעגן זײַן ווילן איז נישטאָ קיין הילף און ראַט. מיר וואָלטן אויך געוואָלט דיך זען, מײַן קינד, נאָך איידער מיר פֿאַרמאַכן אונדזערע אויגן, דען מיר זײַנען אַלט און צעבראָכן. מיר האָבן אָנגעפֿרעגט בײַ געניטע לײַט און זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז דו קאָנסט אונדז אַריבערנעמען... מיר וואַרטן שוין אויף דעם טאָג, ווען מיר זאָלן דיך זען און פֿאַלן אויף דײַן האַלדז. דײַן פֿאָטער, וואָס האָפֿט אויף דײַן ענטפֿער.״

דעם אונטערשריפֿט האָט דער אַפּטייקער בײַ קיין פֿאַל ניט געקענט אַבערלייענען, וואָרעם ער איז געווען שטאַרק פֿאַרציקט. דערנאָך זײַנען געקומען גרוסן אַלערליי פֿון ברידער און שוועס־טער, קרובֿים און פֿרײַנד, וואָס אַלע האָבן זיי געהאַט איין אינהאַלט און זיי האָבן זיך אַרײַנגעקוועטשט, וואו נאָר עס איז געווען אַ ליידיק שטיקל אָרט צווישן די שורות. דער אַפּטייקער, אַ מידער פֿון גרויסן

נבֿזהדיקע (ניוועזעדיקע) — געמיינע, עקלדיקע, שמוציקע, despicable.

נכנע (ניכנע) געווען — זיך דערנידעריקט, humbled themselves.

הפֿקר (העפֿקער) — אונדזער לעבן איז הפֿקר: יעדער קען טאָן מיט אונדז וואָס ער וויל.

מעבֿר לים (מייוועער לעיאַם) — אויף יענער זײַט ים.

פֿאַרציקט — שטאַרק געדריידלט.

אַרײַנגעקוועטשט זיך — זיך אַרײַנגעשטופּט, squeezed in.

בריוו, האָט די גרויסן געוואַלט דורכלאָזן, וואָרעם די פֿרעמדע נעמען, די ניט־קלאָרע און אַרײַנגעקוועטשטע, האָבן זיך אים שוין צוגעגעסן, אָבער ווילי האָט גאָרנישט געוואָלט דורכלאָזן און געבעטן אים יעדער וואָרט איבערצולייענען. פֿאַר באַלוינונג האָט ער בײַ אים געקויפֿט אַ סך שטיקלעך שמעקעדיקן זייף, וואָס ער האָט גאָר קיין מאָל ניט גענוצט אַזעלכע. דער אַפּטייקער האָט געשיקט אײַנגעפּאַקט די סחורה און געלויבט פֿאַרן פֿאָרמער דעם פֿאָטער זײַנעם.

— „איר האָט אַ טאַטן אַ תּלמיד־חכם,‟ — האָט ער אים געזאָגט אין יידיש, — „דער בריוו זײַנער איז פֿול מיט פּסוקים.‟

ער האָט באַטראַכט דעם פֿאַרגרעבטן דאָרפֿסמענטש פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— „אַמעריקע... גיי ווייס, מיט וועמען מען האָט צו טאָן... איך האָב געמיינט אַלע מאָל, אַז איר שטאַמט אָפּ פֿון באַלעגאָלעס. גאָר אײַך פֿאַר אַ ייד ניט געהאַלטן.‟

ווילי האָט זיך פֿאַררייטלט ווי אַ יינגל און אַרויס אַ פֿאַרשעמטער צו די פֿערד.

גלײַך צו מאָרגנס איז ער אויפֿגעזעסן אויף דער באַן און אַרײַנגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, כּדי צו זען זיך מיט יידן און נאָכפֿרעגן זיך, וואָס ער דאַרף טאָן, צו העלפֿן טאַטע־מאַמע. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט, זינט ער איז אַוועק מיטן פּאַק, האָט ער ווידער געזען ניו־יאָרק, די גאַסן, די מענטשן, די הויכע הײַזער, דעם טומל, דאָס קלאַפּן פֿון די „עלס‟ און דאָס פֿײַפֿערײַ פֿון די אויטאָמאָבילן. ער האָט זיך געפֿילט פֿאַרלוירן, ווי יעדער דאָרפֿס־מענטש אין אַ גרויסער שטאָט. פֿון אַלטער געוואוינהייט איז ער אַוועק אויף דער איסט־סײַד, צו די יידישע גאַסן, וואו ער האָט זיך אַ מאָל געוואַלגערט אין די ערשטע צײַטן, ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד. פּונקט ווי יעמאָלט, האָט דאָ געהאַנגען וועש אויף אַלע פֿענצטער און פֿײַער־לייטערס פֿון די הײַזער, וואָס מערסטנס זײַנען זיי רויטע. יידן מיט האַנט־וועגעלעך, באַלייגט מיט סחורה, האָבן אויסגערופֿן מיט פֿריילעכע און טרויעריקע קולות זייערע סחורות. קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט אויף רעדלעך, געוואָרפֿן זיך מיט באַלן

תּלמיד חכם (טאַלמיד כאָכעם) — אַ געלערנטער אין דער תּורה.

און געוואַלדעוועט. ווײַבער האָבן געשריִען, געדונגען זיך, גראַ־מאַפּאָנען האָבן געשפּילט חזנישע שטיקלעך. צײַטונגס־פּאַרקויפֿערס האָבן אויסגערופֿן זייערע צײַטונגען. ווילי האָט געקויפֿט אַ ייִדישע צײַטונג, וואָס ער האָט שוין אַזוי פֿיל יאָרן ניט געזען, און אַרײַנ־געקוקט. אים איז שווער געווען צו לייענען, אָפּגעוואוינט געווען, אָבער פֿון די גרויסע קעפּ איבער די צײַטונגען האָט ער דאָס באַ־קאַנטע וואָרט „פּאָגראָמען" דאָס ערשטע געכאַפּט. ער איז אַרײַן אין אַ רעסטאָראַנטל, אויף וועלכן עס איז אַ גרויסער מגן־דוד געווען אויסגעמאָלט אויפֿן פֿענצטער מיטן וואָרט „כּשר" אין מיטן, און געהייסן זיך געבן עפּעס עסן. אַ דיק ווײַבל האָט אים געברענגט אַ סעודה ווי אַמאָל, ווען מען פֿלעגט עסן שבת: פֿיש געפֿילטע, ווײַסע חלה, לאָקשן מיט יויך, אויף וועלכער אויגן שווימען אַרום פֿון פֿעטקייט, און אַ פֿערטל עוף מיט אַ העלדזל און מערן־צימעס. עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט ייִדישקייט, מיט אַלטער היים.

ווילי האָט פֿונאַנדערגעלייגט די צײַטונג, און וואָרט בײַ וואָרט, שורה בײַ שורה, אַרויסגעלייענט בּיסלעכווײַז די אַלע צרות, וואָס קומען אָן פֿון יענער זײַט ים. דאָס, וואָס ער האָט ניט דערלייענט אין ווערטער, האָט ער פֿאַרשטאַנען פֿון די בילדער, בילדער פֿון רציחה און אומגליק. צווישן אַלע אַנדערע שטעטלעך, וועגן וועלכע מען האָט אין דער צײַטונג געשריבן, איז אויך געווען זײַן פֿאָטערס שטעטל אויסגערעכנט. גרויסע אויפֿרופֿן האָבן גערופֿן די אַמערי־קאַנער ייִדן צו טאָן זייער חובֿ, צו שטיצן די אָרעמע ברידער, צו ראַטעווען זיי פֿון זייערע ערטער.

אויף די שמאָלע געסלעך, צווישן קעלערס און „סטאָרקעס", צווישן יאַטקעס, ספֿרים־געשעפֿטן, בית־המדרשלעך און גראָסערים (שפּײַז־קראָמען) האָבן זיך פֿרײלעכע און פֿאַרביקע שילדס־אָגענטורן פֿונאַנדערגעלייגט. אין די פֿענצטער זייערע זײַנען רייצנדיקע פּאַפּירן געווען אויסגעהאָנגען, פֿול מיט לויב צו די גוטע און כּשרע עסנס, וואָס די שיפֿן פֿאַרמאָגן, אויך שולן צו דאַווענען, אונטער דער

יאַטקעס — butcher-shops.

רייצנדיקע — וואָס רופֿן צו זיך, attractive.

השגחה פֿון גרויסע רבנים און משגיחים. דערבײַ זײַנען געווען אויסגעהאַנגען די בילדער פֿון די משגיחים, יעדן מיט יאַרמלקעס און בערד, הדרת־פּנימער איינס און איינס. אין אַנדערע פֿענצטער האָט מען אָנגענומען אַלטע מלבושים אַוועקצושיקן. בענק האָבן אָנגענומען געלט צו שיקן און צו טוישן. אַדוואָקאַטן און עצה־געבערס האָבן זייערע פּאַרטערטן אַרויסגעשטעלט אין די פֿענצטער און גערופֿן צו העלפֿן מיט עצות און מאַכן פּאַפּירן פֿאַר די, וואָס ווילן אַריבערברענגען זייערע אייגענע צו זיך. אומעטום האָבן זיך גע־שטופּט מענטשן. דער וואַנדער־יאַריד האָט געאַרבעט מיטן גאַנצן ברען. רעדנערס האָבן גערעדט בײַ שטענדערס מיט אַמעריקאַנער פֿענדלעך פֿאַרפּוצט, געוואָרפֿן מיט די הענט און גערופֿן צו דעמאָנ־סטראַציעס קעגן די, וואָס פּאָגראָמירן אונדזערע ברידער.

ווילי איז געטראָגן געוואָרן מיט דער מאַסע, אַרײַנגעקראָכן אומעטום, אויסגעמישט זיך און דערפֿילט זיך אַ נאָענטער צו אָט די אַלע, פֿון וועלכע ער איז שוין אַזוי ווײַט געווען. אָט דאָס, וואָס אויך ער האָט אייגענע דאָרט, ווי אַלע אַנדערע דאָ, האָט אים נאָענט געמאַכט מיט דעם עולם, מיט זייער יאָגעניש און האַוועניש. ער איז אַרײַן אין שיפֿס־געזעלשאַפֿטן, אין בענק, צוגעהערט זיך צו דעם, וואָס מענטשןריידן, צוגעקוקט זיך צו דעם, וואָס אַנדערע טוען, כּדי צו וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען.

ער איז געווען צעטומלט צווישן דעם גרויסן רעש. זײַן קאָפּ האָט ניט געאַרבעט אַזוי גיך, ווי די קעפּ בײַ די אַרומיקע. ער האָט ניט געקענט אַזוי איינס און צוויי אַרײַנגיין אין אַן אָפּיס און גלײַך אָפּמאַכן בײַ זיך, וואָס צו טאָן, ווי אַנדערע האָבן עס געמאַכט. ער האָט געדאַרפֿט לאַנג טראַכטן וועגן אַ זאַך, איבערלייגן זיך פֿיל מאָל.

אים איז ניט אַזוי געגאַנגען אין געלט, וואָס ער דאַרף אַרויס־נעמען און אויך וואָס ער האָט שווער געהאָרעוועט ביז ער האָט

השגחה (האַשגאָכע) — אויפֿזיכט, supervision.

משגיחים (מאַשגיכים) — די וואָס גיבן אַכטונג אויף כּשרות, supervisors.

הדרת־פּנים (האַדראַס־פּאָנעם) — פֿון שיינעם אויסזען, stately person.

האַוועניש — פֿאַרנומענקייט, bustling, hustling.

עס גענומען. ער איז גרייט געווען צו לאָזן זיך קאָסטן ביזן לעצטן, אַבי אָפּצאָלן זײַנע עלטערן פֿאַר דעם צער, וואָס ער האָט זיי אַזוי פֿיל אָנגעטאָן. אויך האָט ער ניט געהאַט צוליב וואָס זײַן געלט צו האַלטן. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט פֿאַר וועמען אָוועקצולייגן. באַ־אומרואיקט האָט אים עפּעס אַנדערש. די עלטערן האָבן געוואָלט, ער זאָל זיי אַראָפּנעמען צו זיך. אָבער ער האָט זיי ניט געשריבן וועגן דעם לעבן זײַנעם, וועגן דעם טריפֿהנעם הויז, וואָס ער פֿירט, וועגן דעם גויאישן ווײַב.

אמת, זי האָט אים ניט געשטערט, ווען ער האָט איר דערציילט, אַז ער וויל די עלטערן אַראָפּברענגען. פֿאַרקערט. זי האָט זיך דער־פֿרייט און הנאה געהאַט, וואָס זי וועט האָבן די שוויגער לעבן זיך, אויך דעם שווער. היימיש וועט זײַן אין שטוב. ער האָט איר געוויזן דאָס בילד פֿון זײַן טאַטע און מאַמע, דעם פֿאָטער מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ און מיט אַ באָרד, און די מוטער אין אַ שייטל. אָבער זי האָט גאָרנישט אויסגעפֿונען קיין אויסטערלישס אין דעם, קיין „פֿאָן", ווי אַנדערע דאָ אין לאַנד זענען עס.

— „פֿײַנע לײַט," — האָט זי געזאָגט מיט דער איינפֿאַכקייט פֿון אַ דאָרפֿס־מענטש, וואָס קיין שום זאַך פֿירט אים ניט אַרויס פֿון גלײַכגעוויכט.

ווילי האָט ניט געטראַכט אַנדערש. ער האָט געקענט זײַן עסטערן, געוואוסט, ווי געהאָרכזאַם זי איז אים, ווי טרײַ און ליב, און ער איז געווען זיכער, אַז אויך צו זײַנע עלטערן וועט זי אַ גוטע טאָכטער זײַן. אָבער ער איז ניט זיכער געווען מיטן צווייטן צד. וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען זיי וועלן זי דערזען פֿאַר זיך?

ער האָט געוואָלט זיך מיט עמעצן דורכריידן וועגן דעם, אַן עצה זיך האַלטן, פֿרעגן בײַ אַ ייִד, וואָס קען זיך אין די זאַכן, אָבער ער האָט קיינעם ניט געהאַט. אין די אַלע ביוראָען האָט מען נאָר געוואָלט פֿאַרקויפֿן עפּעס, אָפּהאַנדלען גיך און נעמען די עטלעכע

טריפֿהנעם (טרייפֿענעם) — ניט כּשרן.
שייטל — wig; די פֿרעמדע האָר וואָס ייִדענעס פֿלעגן טראָגן איבער אייגענע.
אויסטערליש — מאָדנע, extratordinary.
געהאָרכזאַם — obedient.
צד — side.

טאָלע. ווילי האָט זיך פֿרומגעדרייט אַ פֿאַרלוירענער צווישן דער געדיכטעניש פֿון מענטשן. פּלוצעם האָבן זיך זײַנע בליקן פֿאַרהאַלטן אויף עפּעס. ביַי איינעם פֿון די הײַזער האָט ער אַ רבין דערזען, אַ שוואַרצבערדיקן, אַ פֿול־פּנימדיקן מיט אַ געל שטרײַמל אויפֿן קאָפּ און מיט אַ לאַנגער זײַדענער זשופּעצע. לעבן אים איז געשטאַנען אַ שמש, אַ דאַר ייִדל מיט אַ האַלב דײַטשיש און האַלב גאַליציש קאַפּעליושל. אַ ייִדענע אין אַ שייטל האָט גיך צוגעטראָגן אַ קינד צום רבין און אונטערגעשטעלט ס׳קעפּל, דער רבי זאָל עס בענטשן. דער רבי האָט געגעבן דעם גבאי זײַנעם דעם שטעקן צו האַלטן און אַרויפֿגעלייגט ביידע הענט אויפֿן קינדערשן קעפּל.

ווילי איז אַ ניט־דרייסטער צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט. כאָטש ער איז ווײַט געווען פֿון ייִדישקייט, איז ער ניט געווען אָן גלויבן און געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל. אין דעם מאַן מיט די הייליקע קליידער האָט ער דערזען אַ שליח פֿון גאָט, וואָס וועט אים זאָגן וואָס צו טאָן.

דער רבי האָט גלײַך דערזען אין דעם פֿרעמדן, אָפּגעברענטן און צעוואַקסענעם מאַן אַ גלייביקן מענטש און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט שלום־עליכם.

— „קומט אַרויף צו מיר, איך וואוין טאַקע דאָ אין דעם הויז,״ — האָט דער רבי געזאָגט.

אין דער רבישער שטוב, אין וועלכער עס איז געווען אָנגעשטעלט ביליק ווייך מעבל, באַצויגן מיט שטאַרק פֿאַרביקע בלעטער און בלומען, און קאָלירטע לעמפּלעך, ווי אין אַ וואָדעוויל, האָבן באַצירט דעם אָרון־קודש און דעם עמוד, האָט ווילי דערלאַנגט דעם

ש ט ר ײַ מ ל — אַ פּעלצן היטל וואָס אַ חסידישער רבי פֿלעגט געווײנלעך טראָגן.

ז ש ו פּ ע צ ע — לאַנגער מאַנטל וואָס מען טראָגט איבער דער קאַפּאָטע (אַן אַלטמאָדישער ייִדישער ראָק ‎(coat,

ק אַ פּ ע ל י ו ש ל — הוט.

ג ב א י (גאַבע) — דאָ: דער וואָס גיט אַכטונג אויף דעם רבים הויז.

אַ ש ל י ח (שאַליאַך) — אַ געשיקטן.

אָ ר ו ן־ק ו ד ש (אָרן־קוידעש) — דער הייליקער אָרון, די הייליקע שאַפֿע, דאָרטן וואו מען האַלט די ספֿרי־תּורות (אין אַ שול, אַ בית־מדרש אָדער אין אַ קלויז).

ע מ ו ד (אָמעד) — דער אָרט אין שול וואו דער חזן שטייט בײַם דאַוונען.

רבין אַ טאָלער אַ פּדיון און אויסדערציילט די אַלע קרומע וועגן זײַנע, פֿון עסן טריפֿות בײַ די זעלנערס אַמאָל ביז זײַן באַזעצן זיך אין אַ גויאישער פֿאַרם. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען עס איז געקומען צו דערציילן וועגן דער גויע זײַנער, מיט וועלכער ער וואוינט. מיט מורא האָט ער די ווערטער אַרויסגערעדט. אָבער דער רבי איז גאָרנישט נתפּעל געוואָרן פֿון דעם ייִדנס ווידוי.

— „נו, מילא, נו, וואָס ווײַטער,״ — האָט ער אונטערגעיאָגט ווילין, אומגעדולדיק פֿון זײַנע לאַנגזאַמע רייד, געמישט אין ייִדיש און פֿאַרמערישן ענגליש.

אַ גיכער, אַ געניטער, אַ מבֿין אויף מענטשן אויפֿן ערשטן בליק בלויז, אַ דורכגעטריבענער פֿון די פֿיל יאָרן וואוינען אויף דער איסט־סײַד, איז ער ניט נתפּעל געוואָרן מער פֿאַר קיין שום ווידוי אין דער וועלט. ער האָט געקענט אַמעריקע, געוואוסט אַלע זאָרגן און פֿריידן פֿון דעם נײַעם דור. צו אים זײַנען באַים געקומען פֿרעגן עצות אין אומגליקלעכע ליבעס, און מיידלעך האָבן זיך באַראָטן מיט אים וועגן איטאַליענישע שקצים, אין וועלכע זיי זײַנען פֿאַרליבט. ער האָט זיך דעריבער זייער געלאַנגווײַליקט, אויסהערנדיק דעם פֿאַרמערס פּאַמעלעכע רייד, וואָס צו אַזעלכע איז ער גאָרניט צוגע־וואוינט געוועזן.

— „אָלרײַט,״ — האָט ער געזאָגט מיט דער שפּראַך פֿון דער גאַס, — וואָס געוועזן, איז געוועזן, אָבער וואָס ווילט איר איצט טאָן? מאַכט עס בקיצור, כ'בין ביזי...״

ווען ווילי האָט ענדלעך אַלץ אַרויסגעבראַכט, האָט דער רבי גרינגער אָפּגעאָטעמט און פֿאַרצויגן דעם שטערן זײַנעם אין אַ נעץ פֿון קנייטשן, פֿון די געדיכטע ברעמען ביז צום ברעג יאַרמלקע.

פּ ד י ו ן (פּידיען) — אויסלייזגעלט, דאָס געלט וואָס מען גיט אַ רבין, צו וועמען מען קומט נאָך אַן עצה (advice).

ט ר י פֿ ו ת (טאַרפֿעס) — וואָס איז טריף.

ו ו י ד ו י (ווידע) — confession.

ג ע נ י ט ע ר — experienced.

אַ מ בֿ י ן (מייוון) — קענער.

אַ ד ו ר כ ג ע ט ר י ב ע נ ע ר — cunning.

נ ת פּ ע ל (ניספּאָעל) — פֿאַרוואונדערט, surprised.

ג ע ל אַ נ ג ו ו ײַ ל י ק ט — felt weary.

ב ק י צ ו ר (בעקיצער) — קורץ.

— „טוסט זייער גלײַך, וואָס דו נעמסט אַרונטער טאַטע־מאַמע — איז דער רבי איבערגעגאַנגען אויף „דו" — און וועגן דער ערלית איז דאָ אַן עצה. זאָל זי ווערן אַ ייִדיש קינד. קיין קינדער האָסטו דאָך ניט מיט איר, אמת ?..."

ווילי האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן אויף דעם רבין. דער רבי האָט די זאַך געמאַכט צו קליין־געלט.

— „פּאָר אַ נקבֿה איז עס גאָרנישט," — האָט ער געזאָגט אַ שמייכלענדיקער, — גענוג זײַן בלויז אויסצולערנען איר עטלעכע מצוות."

ווילי האָט זיך ניט געקענט גלייבן, אַז עס איז אַזוי גרינג.

— „רבי," — האָט ער געזאָגט, — „דאָס איז אַלץ ?"

דער רבי האָט זיך אָנגענומען בײַ דער באָרד און חוזקדיק אין איר אַרײַנגעשמייכלט.

— „אַז סײַ־ווי־סײַ זײַנען דאָ די ייִדן קיין ייִדן ניט און די גויים קיין גויים ניט. שבת, כּשרות, חופּה וקידושין, טהרת־המשפּחה איז דאָ גאָרנישט. כ׳מיין, וואָס־זשע איז דאָ דער חילוק ? פֿאַרקערט. אַ גויע, אַז זי וועט וויסן, אַז זי דאַרף צינדן ליכט אויף שבת און אָפּהיטן מילכיקס און פֿליישיקס, וועט זי עס נאָך גיכער אָפּהיטן. זײַ דו נאָר אַ ייִד !"

ווילי האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר דעם רבינס אָנצוהערעניש. דער רבי האָט אים אויסגעשטרעקט אַ ווייכע האַנט פֿון ברייטן רבנישן אַרבל אַרויס, אַ סימן, אַז ער איז פֿאַרנומען, און ער האָט דערמאָנט זיך צו פֿרעגן, ווי אַזוי די גויע הייסט.

— „עסטער," — האָט ווילי געזאָגט.

— „אַ ייִדישער נאָמען," — האָט דער רבי געזאָגט, אַ פֿריילע־

ע ר ל י ת (אַריילים) — גויע.

צ ו ק ל י י ן ־ ג ע ל ט — דאָ: צו גאָרנישט, ניט וויכטיק.

ח ו ז ק ד י ק (כוזעקדיק) — with ridicule, mockery.

ח ו פ ה ו ק י ד ו ש י ן (כופּע־וקידושן) — marriage-ceremony

דאָ: חתונה האָבן לויט דעם ייִדישן דין בײַ אַ רבֿ.

ט ה ר ת ־ ה מ ש פ ח ה (טאַהאַראַס־האַמישפּאָכע) — די ריינקייט פֿון דער פֿאַמיליע.

ח י ל ו ק (כילעק) — אונטערשייד.

כער. — „גאָרנישט ווי אונדזערע ייִדישע טעכטער. אויב אַזוי, איז עס טאַקע באַשערט געווען פֿון הימל... פֿאַר געזונט און זײַ מצליח!"

ווילי איז אַ צופֿרידענער אַוועק אין אַ שיפֿס־געזעלשאַפֿט ריידן וועגן פּאַפּירן און שיפֿס־קאַרטן.

8

עסטער, די פֿאַרמערקע, האָט מיט דער גאַנצער פֿויערשער ערנסטקייט איבערגעגעבן זיך צו דער נײַער ווײַבערשער תּורה, וואָס איר שוויגער, די אַלטע ייִדענע אין פּעך־שוואַרצן שייטל אויפֿן ווײַסן קאָפּ, האָט אין איר אַרײַנגעקערט.

כּדי אַ וואָרט זיך צו קענען צונויפֿריידן, האָבן די ווײַבער זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן וואונק, אויף דער האָר האָט זי נאָכגעמאַכט איר שוויגער בײַם אַרומדרייען די הענט אַרום די פֿלעמלעך פֿרײַטיק בײַם ליכט־צינדן און דערנאָך פֿאַרשטעלטביידע אויגן מיט די האַנטפֿלאַכן.

— „שוין, טאָכטער," — האָט די אַלטע געלערנט, ווען איר שנור האָט גאָר די הענט פֿון די אויגן ניט אַראָפּגענומען.

— „דזשי," — האָט עסטער געזאָגט אַ פֿאַרשעמטע פֿון איר אומוויסנקייט און מיט בלוט אין די באַקן פֿאַרלעגן געשמייכלט צו איר שוויגער, זי זאָל איר פֿאַרגעבן איר אומוויסנקייט.

פּונקט אַזוי האָט זי זיך געלערנט זאַלצן פֿלייש פֿאַרן קאָכן, ווי די אַלטע האָט עס איר געוויזן.

— „ניט אַזוי פֿיל אָנזאַלצן, טאָכטער," — האָט די שוויגער פֿון איר מוטערלעך געלאַכט, — „איבערזאַלצן דאַרף מען ניט."

זי האָט אָנגענומען אַ האַנט זאַלץ, געניט דאָס שטיק פֿלייש אויסגעזאַלצן און געוויזן איר ווי אַזוי עס נאָכצוטאָן.

זײַ מצליח (מאַצליאַך) — באַגליק, האָב גליק.

פּעך־שוואַרץ — זייער שוואַרץ, pitch black.

אויף דער האָר — זייער גענוי, פּינקטלעך, exactly.

פֿאַרלעגן — embarrased.

— „אַי סי, מאַדהער״*) —האָט עסטער געזאָגט, און געמיט זיך נאָכצוטאָן ווי מען האָט זי געלערנט.

מיט דעם אייגענעם ערנסט און גלויבן, ווי זי האָט פֿריִער אָפּגעהיט די קריסטלעכע געבאָטן, האָט זי איצט אָפּגעהיט די נײַע געבאָטן, דאָס ייִדישקייט, וואָס איר מאַן האָט זי געבעטן אײַנצופֿירן צוליב די עלטערן זײַנע.

אין די ערשטע טעג האָט זי עס געטאָן דעם מאַן צוליב. זי האָט אים ליב געהאַט, דעם מאַן אירן, פּונקט נאָך אַזוי שטיל און שטאַרק ווי אין די ערשטע טעג, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער פֿאַרם. זי איז אים אויך דאַנקבאַר געווען, וואָס ער רעדט איר ניט אויס איר ניט־ברענגען קינדער אויף דער וועלט. ער האָט ניט געטרונקען, ניט קיין געלט אויסגעבראַכט, געאַרבעט שטענדיק און געטרײַ איר געווען. זי איז אים דערפֿאַר זייער געהאָרכזאַם געווען, אונטערטעניק און גרייט געווען פֿאַר אים אין פֿײַער און אין וואַסער צו גיין. ווען ער האָט איר דערציילט וועגן זײַן טאַטע און מאַמע און איר געבעטן אָנצוהאַלטן עטלעכע ייִדישע מינהגים, האָט זי קיין איין וואָרט ניט געזאָגט קעגן דעם.

זי האָט ניט געזען דערין קיין שום קרבן פֿון איר זײַט. אויב דער מאַן וויל עס און עס קען פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן זײַנע עלטערן, וואָס וועלן מיט איר זײַן, פֿאַר וואָס זאָל זי עס ניט טאָן? דערצו נאָך, ווען די אַלע נײַע זאַכן, וואָס זי דאַרף טאָן, זײַנען גאָרנישט אַזוי שווער, בלויז פֿרעמדע אַזעלכע.

די שוויגער, כאָטש אַ מאָדנע צוליבן שייטל, וואָס זי טראָגט אויפֿן ווײַסן געשווירענעם קאָפּ און וואָס עסטער האָט קיין מאָל אַזעלכעס אין איר לעבן ניט געזען, איז גיך געוואָרן זייער נאָענט עסטערן. אַן אַמאָליקע אַרענדאַרישע טאָכטער, האָט זי גלײַך זיך דערפֿילט היימיש אין דער פֿאַרם. זי האָט אויסגעמאָלקן די קי, געגעבן קערנער די עופֿות, אַרונטערגענומען די אייער פֿון די הינער און געטאָן אַלע אַנדערע ווײַבערשע אַרבעט. באַלד האָט זי טאַקע אויך אויסגעטאָן דאָס שוואַרצע שייטל און אָנגעטאָן אַ טיכל אויפֿן

---

*) גוט, מוטער.

ק ר ב ן (קאָרבן) — sacrifice.

קאָפּ, ווי אַמאָל, ווען זי איז אין דאָרף בײַ זיך געווען. דאָס האָט איר באַלד צוגעגעבן אַן אַנדער אויסזען, אַ היימישן און שטוביקן. עסטער האָט זי באַלד ליב געקריגן. זי האָט קיין מאָל קיין פֿרוי ניט געהאַט לעבן זיך, פֿון קינדווײַז אָן אַ יתומה געווען, בלויז מיטן פֿאָטער אין דער פֿאַרם זיך דערצויגן. אויך האָט זי קיין קינד ניט געהאַט וועמען צו זיך צוצוטוליען, מוטערשאַפֿט אַרויסווײַזן. דער פֿאָטער אירער איז געווען שווײַגנדיק און פֿאַרהאַרטעוועט. אַזוי איז אויך געווען דערנאָך איר מאַן. זי האָט געבענקט נאָך אַ מענטש לעבן זיך, נאָך אַ פֿרוי. און זי האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט דער אַלטער, ווען יענע האָט זי אַרומגענומען, איר קאָפּ צוגעלייגט אויף איר אַלטער, ווייכער ברוסט און זי גערופֿן: עסטער, טאָכטער מײַנע.

ווילי האָט איר איבערגעזעצט דער מוטערס רייד, אַז טאָכטער מיינט „דאָטער”. עסטער האָט זיך געפֿילט גליקלעך מיטן צערטלעכן וואָרט, וואָס זי האָט קיין מאָל פֿון קיין מאַמען ניט געהערט. — מאָדהער — האָט זי גערופֿן די אַלטע און געגלעט זי.

כאָטש די אַלטע האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן, אַז איר שנור איז ניט אין גאַנצן מיט ייִדישקייט, אַז עפּעס איז זי אַ גויע אין אַלעמען, אין אויסזען און אין אירע פֿירעכצן, האָט זי אָבער ניט געמאַכט קיין טענה וועגן דעם. מ׳האָט איר נאָך געזאָגט אין דער היים, אַז אין דעם אַמעריקע איז אַן אַנדערע וועלט, אַז ייִדן זײַנען קיין ייִדן ניט, אַז אַלץ איז מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פֿיס אַרויף, און די בעסטע זאַך פֿאַר אַ נײַעם מענטשן איז צוצוקוקן און שווײַגן, ווײַל אַזוי איז די וועלט. זי האָט ניט געוואוסט גענוי, צי איז די שנור אירע טאַקע געווען אַמאָל אַ גויע, צי זי איז בלויז אַ טאָכטער פֿון פֿאַרגויאישטע ייִדן, וואָס קען קיין וואָרט ייִדיש ניט און ווייסט ניט פֿון ייִדישקייט. אָבער קיין גאַנצע גויע איז זי אויך ניט געווען. ערשטנס, האָט זי זיך גערופֿן עסטער, ווי אַלע ייִדישע טעכטער. צווייטנס, האָט זי איר שוויגער גרויס ליבשאַפֿט אַרויסגעוויזן און „מאַמע” זי גערופֿן. אויך האָט זי גלײַך דעם קאָפּ צו ייִדישקייט צוגעלייגט און באַלד דעם ערשטן פֿרייטאָג צו נאַכטס ליכט געצונדן, ווי זי אַליין. און די אַלטע האָט קיין טענות ניט געמאַכט און געלאָזט גיין, ווי עס גייט. וואָס געווען, איז געווען, האָט זי מיט ווײַבערשער

פּראַקטישקייט געטראַכט. דער עיקר איז, אַז ווײַטער זאָל די שטוב זיך פֿירן ווי אַ ייִדישע שטוב דאַרף.

די אַלטע האָט טאַקע גלײַך אויסגעפּאַקט די אייגענע טעפּ און שיסלען, לעפֿל און מעסערס, וואָס זי האָט מיטגענומען פֿון דער היים, אײַנגעפּאַקט אין בעטגעוואַנט, כאָטש אַלע האָבן געלאַכט פֿון איר און ניט געהייסן מיטשלעפּן קיין פּעק. זי האָט ניט געפֿאָלגט און אַלץ מיטגענומען, מילכיקע טעפּ און פֿליישיקע, און אַפֿילו דאָס פּסחדיקע געפֿעס, געפּאַקט אין היי, אַזוי אויך די שבתדיקע לײַכטערס און דעם קרבן־מנחה־סידור און די תּחינות. איצט האָט זי געזען, אַז זי איז גערעכט געווען, אַז עס וועט איר צו ניץ קומען. גלײַך האָט זי טאַקע די כּלים אַרויסגענומען, די פֿליישיקע אַוועקגעשטעלט באַזונדער, די מילכיקע באַזונדער. זי האָט אַזוי זיך, אַ וואָרט ניט דערמאָנענדיק, גוט אויסגעהייצט די קיך, כּדי אויסצוגליִען יעדן שפּור פֿון טריפֿות פֿון איר, און זי האָט די קיך איבערגענומען אין אירע הענ־ גאַר־נישט צולאָזנדיק די שנור אויף אַ ווײַלע.

— „גיי, גיי, טאָכטער מײַנע,״ — האָט זי איר מוטערלעך אַוועק־געפֿירט פֿון דער קיך, ווען זי האָט געוואָלט העלפֿן, — „איך בין געוואוינט דערצו און איך וועל שוין אַלץ אַליין קאָכן. דו האָסט גענוג אַנדערע אַרבעט...״

ביסלעכווײַז האָט זי איר גענומען לערנען, וועלכע טעפּ זײַנען פֿליישיק און וועלכע מילכיק; אַז די מעסערס מיט די אײַנגעשני־טענע קאַרבן אין די הענטלעך זײַנען מילכיק און די גלאַטע זײַנען

דער עיקר (איקער) — דאָס וויכטיקסטע.

געפֿעס — utensils, dishes.

קרבן־מנחה סידור (קאָרבן מינכע סידער) — אַ באַרימטער סידור (סידער prayer book) פֿאַר פֿרויען מיט אַן איבערזעצונג אויף ייִדיש.

תּחינה — מערצאָל: תּחינות (טכינע — טכינעס) — אַ געבעט אויף ייִדיש פֿאַר ווײַבער. פֿאַר פֿאַרשיידענע פֿאַלן פֿון לעבן זײַנען דאָ באַזונדערע תּחינות.

כּלים (קיילים) — utensils, dishes

אויסצוגליִען — to glow, אויסברענען.

שפּור — trace.

קאַרבן — notches.

פֿליישיק. עסטער האָט געפּלאָנטערט, ניט געוואוסט ווי אײַן און ווי אויס, אָבער די אַלטע האָט זי אַזוי לאַנג געלערנט אויף שטום־לשון, ביז זי האָט זיך אויסגעלערנט און זי האָט שטרענג אָפּגעהיט דער שוויגערס געבאָטן. אין גיכן האָט זי שוין געקענט זאַלצן פֿליש, אויסהיטן זיך פֿון מישן מילכיקס און פֿליישיקס און בענטשן ליכט יעדן פֿרײַטיק. זאָגן שטילערהייט עפּעס, ווי איר שוויגער, בײַ ליכט צינדן, האָט זי, אמת, ניט געקענט, אָבער מאַכן מיט די הענט דרײַ מאָל אַרום די פֿלעמלעך און דערנאָך צודעקן די אויגן, דאָס האָט זי געמאַכט אין גאַנצן ווי די אַלטע. זי האָט אַפֿילו געמאַכט שטילער־הייט מיט די ליפּן, כאָטש זי האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. די אַלטע האָט זי געקושט דערפֿאַר און צוגעלייגט איר דעם קאָפּ מוטערלעך צו דער ברוסט.

עטלעכע מאָל האָט זיך עסטער געהאַט שטאַרק צו רייטלען פֿאַר אירע נאַרישקייטן, וואָס זי האָט געטאָן. אַזוי האָט זי איין מאָל געברענגט טריפֿהנע פֿיש פֿון טײַך און זיי איבערגעגעבן דער שוויגער אירער צו מאַכן, ווי זי האָט שוין געוואוסט, אַז ייִדן דאַרפֿן פֿיש אויף שבת. די שוויגער האָט זיך די אויגן פֿאַרשטעלט פֿאַר די טריפֿהנע פֿיש, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שופּן און פֿלוספֿעדערן און אויס־געזעען ווי ווערעם.

— „אוי, טאָכטער מײַנע,‟ — האָט די אַלטע זיך פֿאַרקרימט, — „דאָס איז טריפֿה!‟

עסטער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, און די אַלטע האָט איר געמוזט ווײַזן מיט די הענט, וואָס טריפֿה מיינט. זי האָט זיך אין גאַנצן פֿאַררייטלט ווי אַ מיידעלע.

— „דזשי!‟ — האָט זי געזאָגט אַ פֿאַרשעמטע און ניט באַגריפֿן די ייִדישע געזעצן, וואָס פֿאַרבאָטן אַזעלכע גוטע פֿיש צו עסן.

אַ צווייט מאָל האָט זי געבראַכט קרעבסן פֿרישע און צאַפּלדיקע און זיי אויסגעשאָטן פֿאַר דער שוויגער, זי זאָל זיי צוגרייטן אויף מיטאָג אין זונטאָג. די אַלטע האָט גענומען שרײַען פֿאַר שרעק,

---

ווי אײַן און ווי אויס — ווי אָנצוהייבן און ווי צו ענדיקן.

שופּן — scales.

פֿלוספֿעדערן — fins.

דערזעענדיק די צאפלדיקע שרצים. עסטער האט זיך ווידער פארשעמט און די געשמאקע באשעפענישן ארויסגעווארפן. ביידע ווייבער האבן דערנאך ניט אויפגעהערט לאכן דעריבער, לאכן און אויפהער. אין גיכן האט עסטער אזוי זיך אין יידישקייט אויסגעקענט, אז די שוויגער האט זי שוין אפילו צוגעלאזט צו דער קיך. זי איז שוין אזוי אפגעהיט געווען, אז זי האט איבערגעטריבן מיט איר אפגעהיטקייט.

— „מאדהער, מעי אי?״*) — האט זי אלע מאל געפרעגט שאלות, מורא האבנדיק עפעס נישט טריף צו מאכן.

ביסלעכווייז איז זי אזוי אריינגעצויגן געווארן אין די נייע מינהגים און געזעצן, אז זי האט זיי שוין ניט געטאן בלויז יוצא צו זיין פאר דער שוויגער, נאר זי האט טאקע אנגעהויבן גלייבן אין זיי, ווי יעדער פרומער מענטש, וואס געוואוינהייטן ווערן ביי אים א גלויבן. זי איז געווען גלייך און ערנסט און געטאן א זאך פינקטלעך און שטרענג, ניט אפצונויגן קיין האר אויף רעכטס אדער אויף לינקס. מיט דער צייט האבן זיך ביידע ווייבער אנגעהויבן אפילו פארשטיין אויך. די אלטע האט געכאפט עטלעכע ענגלישע ווערטער, די שנור האט זיך אויסגעלערנט עטלעכע יידישע ווערטער און זיי האבן גערעדט אין דער פרייער צייט, אויסגעפרעגט זיך, און פון זייער ווייבעריש לעבן זיך אויסדערציילט איינע דער אנדערער. אויך צו די פרעמדע עסנס האט עסטער זיך צוגעוואוינט. זייער פרעמד זיינען איר אין די ערשטע צייטן געווען די נייע מאכלים, די אלע יידישע יויכן מיט לאקשן, געפילטע העלדזלעך, קישקעס, פעטע מערן־צימעס, געפילטע פיש און אנדערע שטארק פעטע און שטארק זיסע מאכלים, וואס די שוויגער האט געמאכט; אבער אין גיכן האט זי זיך צוגעוואוינט צו זיי און אפילו זיך אויסגעלערנט אזוי קאכן און באקן מיט אלע יידישע טעמים.

פארן שווער אירן האט עסטער גרויס דרך־ארץ געהאט, ווי

---

*) מוטער, מעג מען ?

שרצים (שראצים) — creeping animals, reptiles

שאלות (שײַלעס) — רעליגיעזע פראגעס.

יוצא (יויצע) צו זיין — דא: צוליב צו טאן.

טעמים (טײַמים) — tastes.

שטענדיק פֿאַר אַ מאַנסביל. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ באַ־האַלטענער מורא, ווי ער זיצט אין אַלפּאַגענעם גלאַנציקן ראָק ביז איבער די קני, מיט אַ סאַמעטן יאַרמלקעלע אויפֿן ווײַסן קאָפּ, און קוקט דורך גאָלדענע ברילן אין פֿרעמדע ביכער, גרויסע און אומפֿאַרשטענדלעכע. ווי אַ גײַסטלעכער האָט ער זיך איר אויס־געוויזן. זיי האָבן צווישן זיך קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אויס־ריידן. יעדער מאָל, וואָס זי האָט אים צוגעטראָגן טיי, וואָס ער האָט אַ וועלט אויסגעטרונקען, האָט ער צו איר געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַ סימן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט, נאָר ער קען נעבעך ניט, די צונג גייט ניט.

— „דאַנקע, דאַנקע,” — האָט ער געזאָגט אין דײַטש, ווי ער פֿלעגט עס הערן פֿון די עסטרײַכישע זעלנערס אין דער היים, ווען זיי זײַנען געווען אין דער צײַט פֿון דער מלחמה און ווי ער איז געוואוינט געווען צו באַנוצן אַ דײַטשיש וואָרט תּמיד, ווען ער דאַרף ריידן צו עמעצן, וואָס פֿאַרשטייט זײַן לשון ניט.

אויפֿן היימישן שטייגער האָט ער געטרונקען די שטיקלעך צוקער אין דער טיי, כּדי צו קענען זיי אײַנבײַסן מיט די אַלטע, שוואַכע ציין, און מיט איין קלעצל צוקער אַ סך גלעזער טיי אויסטרינקען.

ערגער איז עס צוגעגאַנגען צווישן טאַטן און זון. ער האָט ניט געקענט אויסקומען מיטן זון זײַנעם, ר׳ הירש, ווי יעמאָלט אין דאָרף, ווען ווילי איז נאָך אַ יִינגל געווען און ניט געגאַנגען אין גלײַכע יידישע וועגן.

שוין בײַם אָנקומען אין נײַעם לאַנד, האָט ר׳ הירש געקוקט מיט פֿרעמדקייט אויף זײַן זון, גאַרנישט אים דערקענט. עס איז ניט געווען צוליב ווילים געגאָלטער באָרד און קורצע קליידער. ער האָט געוואוסט פֿון פֿריִער שוין, ר׳ הירש, אַז אין דעם אַמעריקע זײַנען די יידן קיין גרויסע צדיקים ניט. געווען איז דאָס די פֿאַר־מערישע גויאישקייט, וואָס האָט זיך אויף זײַן זון צעליגט, די רויט־קייט פֿון זײַן פּנים, דאָס פּויערישע פֿאַרגרעבטקייט, וואָס צווישן יידן זעט מען גאַרנישט אַזעלכעס, די שטענדיקע ליולקע אין זײַן

ג ע ג אָ ל ט ע ר — shaved.

צ ד י ק י ם (צאַדיקים) — פֿרומע, הייליקע, saints.

מויל, און מער פֿון אַלץ דאָס געלאַסנקייט, שווײַגן און געזעצטקייט, וואָס קיין שום זאַך קאָן ניט אַרויסברענגען פֿון גלײַכגעוויכט. ווי אַמאָל איז גלײַך דעם אַלטן געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן, פֿון וואַנען עס האָט זיך גאָר צו אים אַזאַ זון גענומען.

ווילי האָט גלײַך פֿון דער שיף געוואָלט אַריבערנעמען די עלטערן זײַנע אַהיים צו זיך אין דער פֿאַרם. ער האָט אַ סך אַרבעט געהאַט אין דער היים צו טאָן, יעדע מינוט האָט געברענט, און עסטער אַליין, האָט ער געוואוסט, וועט אַלץ ניט קענען טאָן. אָבער דער פֿאָטער האָט אַפֿילו ניט געוואָלט הערן. ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט גרוסן איבערצוגעבן פֿון זײַן שטעטל צו די לאַנדסלײַט אין ניו־יאָרק. אין אַלע קעשענעס האָט ער געהאַט היימישע בריוולעך פֿון טאַטעס צו קינדער, פֿון פֿאַרלאָזענע ווײַבלעך צו מענער, און ער האָט ניט גע־וואָלט אַוועקפֿאָרן ביז ער וועט אַלע גרוסן ניט איבערגעבן, ביז ער וועט זײַנע לאַנדסלײַט ניט זען. דערווײַל איז שוין אַרײַנגעקומען אַ שבת און מען האָט ניט געקענט פֿאָרן.

ווילי האָט ניט געקענט אײַנזיצן אין ניו־יאָרק. ער האָט פֿײַנט געהאַט די שטאָט, ניט געקענט פֿאַרטראָגן דעם רעש און טומל, פֿון וועלכן ער איז שוין געווען אָפּגעוואוינט. עס זײַנען אים פֿרעמד געווען די אַלע מענטשן, מיט וועלכע דער פֿאָטער האָט זיך באַ־געגנט. דאָס זײַנען געווען עלטערע ייִדן, היימישע לומדים, ווי דער פֿאָטער זײַנער אַליין, וואָס האָבן כּסדר גערעדט מיט תּורה און פּסוקים, וואָס ווילי האָט דערפֿון קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען. מער נאָך דערפֿון האָבן זיי געקרעכצט און געזיפֿצט. אויף ווילין האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ בייז וואונדער און אַלע מאָל אים איבער־געפֿרעגט דאָס אייגענע.

— „איז אין וועלכע ביזנעס זענט איר? — האַ?"

— „אַ פֿאַרמער," — האָט ווילי געענטפֿערט.

— „איר מיינט אַ באָרדינג־הויז [אַ פּענסיאָנאַט] האַלט איר," — האָבן זיי אים פֿאַרריכט.

— „ניין, אַ פֿאַרם האָב איך," — האָט ווילי זיך געהאַלטן בײַ זײַנס.

ל ו מ ד י ם (לאָמדים) — געלערנטע אין דער תּורה.

די ייִדן האָבן אים באַטראַכט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— „אַ פּאַרמער?" — האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען. — „טאַקע פּראָסט־פּשוט, ווי אַ גוי?..."

פּונקט ווי דער פאָטער זײַנער האָט געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער צווישן די לאַנדסלײַט זײַנע, אַזוי האָט ווילי ניט געקאָנט אײַנזיצן צווישן זיי. אים זײַנען זיי געווען פרעמד, די אַלע מענטשן פון שטעטל, אויף וועלכע מען האָט זיך אויסגעפרעגט, וואָס זיי מאַכן אין געזונט און פּרנסה.

— „נעבעך, געמיין," — האָט דער פאָטער געהאַלטן אין איין זאָגן אויף יעדן, וואָס מען האָט אים אויסגעפרעגט. — „אַ ייִד, אַן אביון, און קיין עין־הרע אַ פולע שטוב קינדער, און טעכטער דער־וואַקסענע.

ייִדן האָבן געזיפצט, אַז עס האָט שטיקער האַרץ אויסגעריסן.

נאָך פאַרלוירענער האָט ווילי זיך געפילט שבת, ווען מען האָט דעם פאָטער זײַנעם און אים אײַנגעלאַדן אין היימישן שולכל פון די לאַנדסלײַט דאַווענען, און אַלע זײַנען זיך אָנגעקומען אָפּצו־נעמען גרוסן פון שטעטל. מען האָט דעם פאָטער מכבד געווען מיטן דאַווענען פאַרן עמוד. אויך אַ שיינע עליה אים געגעבן. ווילי האָט ניט געהאַט קיין טלית, ניט געדענקט קיין וואָרט אין סידור, און אַז עס איז געקומען צו דער עליה, וואָס מען האָט אים געגעבן צוליב דעם כּבוד פון זײַן פאָטער, איז ער געבליבן שטיין אַ צעתּמטער און ניט

פּרנסה (פּאַרנאָסע) — געשעפטן, באַשעפטיקונג.

געמיין — דאָ: שלעכט, ביטער.

אביון (עוויען) — אָרעמאַן.

קיין עין־הרע (אײַנהאָרע) — קיין בייז אויג; ווען מען לויבט אַ קינד אָדער מען ווײַזט אָן אויף דעם קינדס שיינקייט — האָבן עלטערן מורא מען זאָל ניט געבן אַן עין־הרע. דאָ מיינט עס: עס זאָל קיין שלעכטס ניט טרעפן מיט די קינדער.

מכבד זײַן (מעכאַבעד) — צוטיילן דעם כּבוד (honor) to honor.

עמוד (אָמעד) — דער אָרט אין שול וואו דער חזן שטייט בײַם דאַוונען. דאָ מיינט עס: זיין דער וואָס פירט אָן מיטן דאַוונען.

עליה (אַליִע) — אויפרופן אין שול אַליין צו לייענען אַ טייל פון דער תּורה, אָדער צו שטיין לעבן דעם וואָס לייענט פון דער תּורה.

צעתּמטער (צעטאַמטער) — ווי אַ נאַר, ווי איינער וואָס וויים ניט וואָס צו טאָן.

געוואוסט וואָס פֿאַר אַ ברכה צו מאַכן. ייִדן פֿון אַלע זײַטן האָבן אים אונטערגעהאָלפֿן:

— „נו אַ, ברכו את אדוני המבֿורך!...‟

ער האָט עפּעס אונטערגעברומט אונטער דער נאָז, אַז מען האָט קיין וואָרט ניט געהערט, און זײַן רויט פֿאַרמעריש פּנים האָט געפֿלאַמט פֿון בושה. דער פֿאָטער האָט אויף אים געקוקט מיט צאַרנדיקע אויגן. פּונקט אַזוי איז ער שפּעטער געזעסן אַ פֿרעמדער אויפֿן קידוש, וואָס אַ לאַנדסמאַן האָט געמאַכט פֿאַר די געסט און דאַוונערס פֿון שולכל. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט די הענט אַנגעשפּאַרט אויף די קני, איז ער געזעסן אין קליינעם ענגן צימער, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט געדיכט מיט מעבל, און קוים צוגערירט זיך צו די היימישע קידוש־ווײַנען און קאַרשנזאַפֿט, וואָס מען האָט אים צוגעטראָגן, צוזאַמען מיט האָניק־לעקעך. ייִדן האָבן אים גע־שטעקט ווייכע הענט אין זײַן אויסגעאַרבעטער פֿאַרמערישער לאַפּע און געוואונטשן, ס'זאָל זײַן מיט מזל. ווילי האָט געשאָקלט מיט די פֿרעמדע הענט און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן. ער איז געווען פֿאַרטאָן מיט איין זאַך, מיט דער פֿאַרם זײַנער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַליין אויף עסטערן.

ווען ער איז ענדלעך נאָך שבת אַהיים געקומען מיט טאַטע און מאַמע, און דער הונט זײַנער איז אַרויס מיט אַ פֿריילעך געבילערײַ מקבל־פּנים צו זײַן אים פֿון וועג, האָט ער פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. פֿלײַסיק האָט ער אויסגעפּאַקט די פֿיל פּעק, וואָס די עלטערן האָבן מיטגענומען. ער האָט פֿאַר זיי צוויי נײַע שטרויזעק מיט שטרוי גוט אויסגעבעט, אָנגעשטופּט אין אַלע ווינקעלעך, אַזוי אַז עס זאָל זײַן ווייך פֿאַר זיי צו ליגן. ער האָט זייער היימיש בעטגעוואַנט מיט די פֿיל קישנס און פּערענעס אויסגעלופֿטערט, אין די בעטן אויס־געלייגט און אַ צופֿרידענער אַרײַנגעפֿירט די עלטערן אין דער

ברכו את אַדוני המבֿורך (באַרכו עס אַדענאָי האַמע־וואוירעך) — לויבט גאָט וואָס דאַרף זײַן געלויבט.

קידוש (קידעש) — די ברכה (grace), דאָס געבעט וואָס מען זאָגט שבת און יום־טובֿ איבער ווײַן (אָדער חלה).

מקבל פּנים זײַן (מעקאַבל פּנים) — באַגריסן, to welcome.

באַזונדערער שטוב, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס שלאָפֿצימער פֿון זײַן שווער.

— „דאָס איז אײַער רום, טאַטע־מאַמע,“ — האָט ער געזאָגט, — „זיצט דאָ געזונטערהייט. ענד דאָנ׳ט וואָרי... אָלץ וועט זײַן אָלרײַט...“

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער פֿאָטער פֿאַרשטייט ניט דאָס נײַע לשון און ער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען אַ היימיש וואָרט.

— „ניט זאָרג, טאַטע, עס, טרינק, שלאָף, ענד דאַטסאָל...“

מיט דער גאַנצער ענערגיע האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט אין דער פֿאַרם, וואָס ער האָט שיינע עטלעכע טעג דורכגעלאָזט, צוגעכאַפּט זיך צו זײַנע פֿעלדער, פֿערד און מאַשינען.

אָבער דער פֿאָטער זײַנער האָט ניט געוואָלט זיצן געזונטערהייט אויף עסן, טרינקען און שלאָפֿן, ווי דער זון האָט אים אָנגעזאָגט, נאָר גלײַך גענומען זאָרגן וועגן אָלץ און דעם זון נישט געלאָזט אַרומגיין רויִק אַרום זײַן אַרבעט.

— „וואָלף, וואו זײַנען די מזוזות בײַ די טירן?“ — האָט ער געוואָלט וויסן. — „איך וועל ניט וואוינען אין אַ שטוב אָן מזוזות.“

— „מזוזות?“ — האָט ווילי איבערגעפֿרעגט אַ פֿאַרשעמטער.

ער האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך, אַז ייִדן האָבן אַמאָל געהאַט אַזעלכע אויף די טירן. אין אַ געבראָכענעם ייִדיש, מיט מער ענגלישע ווערטער ווי ייִדישע, האָט ער צוגעזאָגט דעם פֿאָטער, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט, ווי נאָר ס׳וועט אים אויסקומען צו זײַן אין ניו־יאָרק, וועט ער זיך אַרײַנכאַפּן אין דער איסט־סײַד, וואו מ׳פֿאַרקויפֿט אַזעלכע זאַכן, און ער וועט קויפֿן מזוזות. שור וועט ער קויפֿן.

— „שור, שמור,“ — האָט דער אַלטער נאָכגעשפּעט דעם זונס אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער. — „דערווײַל וועל איך דאָ זיצן אָן אַ מזוזה, ווי אַ גוי, להבֿדיל.“

מ ז ו ז ו ת (מעזוזעס) — אַ שטיק פּאַרמעט מיט געוויסע פּסוקים פֿון דער תּורה, אין אַ שיידל, צוגעקלאַפּט צו דער זײַט פֿון דער טיר. door-post amulet.

נ אָ כ ג ע ש פּ ע ט — נאָכגעמאַכט מיט שפּאָט (derision, mockery).

ל ה בֿ ד י ל (לעהאַוודל) — „צו מאַכן אַן אונטערשייד“ צווישן צוויי זאַכן וואָס מען פֿאַרגלײַכט און זײַנען דאָך ניט גלײַך. דאָ: אַ ייִד קען מען ניט פֿאַרגלײַכן צו אַ גוי.

אַ גאַנצע וואָך האָט ער נאָך ווי ניט איז געשוויגן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער פֿרי אין אַלטן טלית-און-תּפֿילין, געמאָסטן די שטובן, וואָס זײַנען אָן מזוזות און געריבן די הענט איינע אין דער אַנדערער.

— „רבונו-שול-עולם, טאַטע זיסער,“ — האָט ער אויסגערעדט אין מיטן דאַוונען און געזיפֿצט, אַז ס'האָט שטיקער הארץ אויסגעריסן.

געגעסן האָט מען מילכיקס. עסטער האָט אַפֿילו געוואָלט קוילען אַ הינדל און אָפּקאָכן אַ גוט מיטאָג פֿאַר שווער און שוויגער, ווי אַזעלכע גוטע געסט פֿאַרדינען. אָבער ווילי האָט זי באַצײַטנס געוואָרנט, אַז אַזאַ זאַך טאָר מען אַליין ניט טאָן איצט, אַז דאָס דאַרף מען מאַכן בײַ אַ שוחט, אַ מאַן אַזעלכן, וואָס איז נישטאָ אונטער דער האַנט אין דאָרף.

דאָנערשטאָג האָט ווילי אין מיטן דער בעסטער אַרבעט אָפּגעריסן זיך און אײַנגעשפּאַנט די בריטשקע, כּדי צו ברענגען כּשר פֿלייש פֿון שכנותדיקן שטעטל. ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שבת אַ גוטן, אַ היימישן, אַבי דעם פֿאָטער אַ ביסל פֿריילעכער צו מאַכן, צו באַרואיקן אים; אָבער דער אַלטער האָט ניט געוואָלט רוען אין דער נײַער היים זײַנער. ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז דער זון זײַנער זאָל אים מיטנעמען אין שטעטל אַרײַן.

— „איך בין אַ בעלן צו זען ווי אַזוי ס'זעט אויס אַ כּשרע יאַטקע אין דײַן אַמעריקע,“ — האָט ער געזאָגט מיט חשק.

אין דעם ווײַס אויסגעפּלאַסטערטן און פֿאַרפּוצטן בוטשער-שאַפּ, וואָס האָט אַפֿילו קיין ברעקל יאַטקע-קלאָץ ניט געהאַט, איז געשטאַנען אַ רויטבאַקיקער געגאָלטער פֿאַרשוין מיט אַ פּאָר גראָבע וואָנסעס, וואָס מיט זײַן ווײַסן פֿאַרטעך און גלאַנציקן מעסער האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער חזיר-קוילער. פּונקט אַזוי גויאיש האָט אויסגעזען זײַן העלפֿערין, אַ פֿליישיק ווײַבל מיט אָנגעקאַרבירטע העל בלאָנדע לעקעלעך.

געמאָסטן די שטוב — דאָ: אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב.
רבונו של עולם (ריבוינע שעלוילעם) — האַר פֿון דער וועלט, גאָט.
שוחט (שויכעט) — דער וואָס קוילעט בהמות לויט דעם יִדישן דין, ritual slaughterer.
איך בין אַ בעלן (באַלן) צו — איך וואָלט געוואָלט.
אָנגעקאַרבירטע — קינסטלעך געמאַכטע.
לעקעלעך — curls.

— „וואָסער פֿלייש געבן, טריפֿה אָדער כּשר?" — האָט דער פֿאַרשוין אין פֿאַרטעך געפֿרעגט.

— „כּשר," — האָט ווילי געזאָגט.

דער קצבֿ האָט אָוועקגעלייגט דאָס טריפֿהנע מעסער און גענומען אַ כּשרס. ער האָט אָוועקגעשאַרט אַ שטיק טריפֿה פֿלייש און אָוועקגעלייגט אויף דעם אָרט אַ כּשר שטיק, אַרײַנשנײַדנדיק דערין מיטן גרויסן מעסער.

ר' הירש האָט דעם פֿאַרשוין אין פֿאַרטעך אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט אין מיטן שנײַדן.

— „אָט דאָס איז דאָס כּשר פֿלייש?" — האָט ער געפֿרעגט אַ דערציטערטער.

דער פֿאַרשוין אין פֿאַרטעך האָט אים אָנגעבלאָזן אַ פֿול פּנים מיט רויך פֿון זײַן ציגאַר.

— „כ'וועל באַלד דאָס אויך ניט האַלטן מער," — האָט ער געזאָגט. — „בלויז עטלעכע „קאַסטאָמער" ווילן כּשר. די איבעריקע קויפֿן טריפֿה. ניט קיין ביזנעס מער כּשר פֿלייש, ס'לוינט זיך ניט צו „באַדערן" דערמיט..."

ר' הירש איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פֿאַרגליווערטער. ער האָט געהערט נאָך בײַ זיך אין דער היים וועגן אַמעריקאַנער ייִדישקייט וואָס איז ניט אַזוי אַי־אַי; אָבער אַזוינס האָט ער זײַנע אייגענע אויגן ניט געגלייבט. דאָס אַלטע פֿײַער פֿון אַ בעל־הבית, אַ שיינעם ייִד, וואָס איז געוואוינט זיך צו מישן אין קהל־זאַכן, אין ייִדישקייט, האָט אין אים אויפֿגעפֿלאַמט: „שוין זאָל מען אים פֿירן צום שוחט!" — האָט ער גענומען שרײַען. — שוואַרץ־שבת וועט ער אים מאַכן פֿאַר אַזאַ פֿירעכץ.

דער קצבֿ האָט געלאַכט.

— „איר זענט אַ גרינער, אַלד מען," — האָט ער געזאָגט מיט שפּאָס, — „דאָ נישטאָ קיין שוחט. ער קומט בלויז צו פֿון דער פֿרעמד מיט דער מאַשינקע, שעכט אָפּ און פֿאָרט אַוועק."

קצבֿ (קאַצעוו) — butcher.

פֿאַרגליווערטער — פּאַראַליזירטער.

קהל־זאַכן (קהאָל) — community affairs.

שוואַרץ־שבת — אַ צעשטערטער שבת.

— „נו, און דער רבֿ, דער רבֿ?״ — האָט ר׳ הירש געפֿרעגט אַן אומגעדולדיקער.

— „דער רבֿ זיצט בײַם גלח און שפּילט פּינאַקל,״ — האָט דער קצבֿ געלאַכט.

ר׳ הירש האָט ניט געוואוסט גענוי, וואָס אַזוינס עס איז דאָס פּינאַקל, וועגן וואָס דער געגאָלטער קצבֿ האָט אים געזאָגט, אָבער פֿאַרשטאַנען האָט ער, אַז קיין גוטס איז עס ניט. דער רויטבאַקיקער קצבֿ איז זיך פֿאַרגאַנגען אין געלעכטער פֿון דעם אַלטנס דערשראָקנקייט.

— „דאָ איז ניט יוראָפּ,״ — האָט ער אים געלערנט,״ — דאָס איז אַמעריקע. יעס סער... אַלץ בלאָף דאָ... נאָר די פּאָר טאָלער. און דעטסאָל...״

ווילי האָט שיינע עטלעכע פֿונט כּשר פֿלייש אײַנגעהאַנדלט. די מוטער זײַנע האָט עס אויסגעווייקט, אויסגעזאַלצן און אָפּגעגאָסן ווי מען דאַרף, אָבער ר׳ הירש האָט זיך דערצו ניט געוואָלט צורירן. דער זון האָט אים געבעטן, אים געזאָגט, אַז דאָ איז אַמעריקע און מען דאַרף לעבן ווי אַלע. דער אַלטער האָט ניט געוואָלט הערן.

— „די תּורה איז אומעטום אַ תּורה, אַפֿילו אין אַמעריקע,״ — האָט ער געברומט, — „איך וועל מיך אויף מײַנע אַלטע יאָרן ניט פֿאַרטריפֿהן... די עטלעכע יאָר, וואָס איך האָב נאָך צו דערציִען, מ׳שטיינס געזאָגט, וועל איך שוין אָפּקומען אָן פֿלייש...

אַ וואָכעדיקער האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער שבת־דיקער קאַפּאָטע אין דער פֿאַרמערישער שטוב מיט די גרויסע, שטיינערנע קאַמינען, וואָס קריכן ביזן דאַך אַרײַן, און געזאָגט די פֿריילעכע לכה־דודים מיט דעם ניגון פֿון קינות אין תּשעה־באָבֿ.

מ׳שטיינס געזאָגט — וועגן וואָס איז דאָ צו רעדן.

לכה־דודי (לעכאָ דוידי) — „קום, געליבטער״. די ערשטע ווערטער פֿון אַ געזאַנג מיט וועלכן מען באַגריסט פֿרײַטאָג צו נאַכט דאָס אָנקומען פֿון שבת.

ניגון (ניגן) — מעלאָדיע.

קינות (קינעס) — קלאָגלידער וואָס מען זאָגט תּשעה־באָבֿ.

תּשעה־באָבֿ (טישעבאָוו) — דער נײַנטער טאָג פֿון מאָנאַט אָבֿ (אָוו — דער עלפֿטער יידישער חודש, פֿאַלט געווייִנטלעך אויס אין אויגוסט) אַ פֿאַסט־ און טרויער־טאָג צום אָנדענק פֿון דעם חורבן פֿון בית־המקדש.

דאָס דאַוונען ביחידות האָט קיין ייִדישן טעם ניט געהאַט. אין אַ ווינקל דערלעבן, אונטער דער יעגער־ביקס, וואָס איז געבליבן בירושה פֿון אַלטן פֿאַרמער און געהאַנגען אויף דער וואַנט, איז געשטאַנען זײַן אַלטע און געזיפֿצט אין איר קרבן־מנחה־סידור אַרײַן, קוקנדיק מיט טרויעריקע אויגן אויף איר מאַן דעם למדן, וואָס דער פֿאָטער אירער, דער אַרענדאַר, האָט אים אַ מאָל אָפּגעגאָלטן, כּדי ער זאָל חתונה האָבן מיט איר.

מיט דעם זעלבן טרויעריקן ניגון, שטילערהייט, קוים וואָס מען האָט געהערט אַ וואָרט, האָט ער אָפּגעזאָגט דעם קידוש, ניט איבער ווײַן, נאָר איבער די זעמל, וואָס זײַנען געלעגן צוגעדעקט מיטן סאַמעטענעם חלה־טישטעכל, וואָס מען האָט געבראַכט פֿון דער היים. עסטער האָט אָפּילו אַ פֿלאַש היימישן עפּל־ווײַן געשטעלט צום טיש, אייגענעם „סאַידער״, אָבער דער אַלטער האָט קיין חשק ניט געהאַט אים צו ניצן; ניט געוואוסט, וואָסער ברכה מען דאַרף איבער דעם מאַכן. ער האָט דעריבער געמאַכט קידוש איבער דער „המוציא״, אַ קידוש אַ קבצנישן, אַ פֿאַרשווערכטן.

ווילי האָט ניט געקאָנט הערן דעם פֿאָטערס זיפֿצעניש. וואָס וויל ער, דער אַלטער? — האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט זיך אויסגעבערענגט פֿאַר אים, געלט און צײַט געפּטרט, אַ שטוב אים אָפּגעגעבן, גיט אים פֿון שענסטן און בעסטן, לאָזט אים קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער ניט אַרײַנטאָן, און ער האַלט אים אין איין אויקעכצן און קרעכצן, אַז ס׳איז אַ בושה פֿאַר עסטערן, אַז דאָס עסן באַקומט אים ניט בײַם טיש. ער איז אַרויס צו די פֿערד און וואַכע־דיקע קולות אין שבת אַרײַנגעשאָלטן:

— „געט־אָוט! העלל, געט־אויט!״ — האָבן זײַנע קולות אַרײַנ־געריסן זיך דורכן פֿענצטער אין פֿאָטערס קידוש אַרײַן.

ביחידות (בעיעכידעס) — איינער אַליין.
המוציא (מויצע) — דאָ: ברויט.
קבצנישן (קאַבצאָנישן) — אָרעמען.
אויסגעבערענגט — אויסגעגעבן געלט, spent money.
לאָזט אים קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער ניט אַרײַנטאָן — לאָזט אים ניט אַרבעטן, גאָרנישט טאָן.

אין גיכן האָט ר׳ הירש אָנגעהויבן בענקען נאָך יידן, ווי אַמאָל אין דאָרף זײַנעם.

— „רבונו של עולם!״ — האָט ער געבעטן, פֿאַרדרײַסנדיק די אויגן צום באַלקן. — „לייז מיך אויס פֿון דאָרף, ברענג מיך צווישן יידן...״

9

בײטערע מחלוקתן און אַמפּערנישן האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן פֿאָטער און זון אין דער פֿאָרם, גאָר ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

כאָטש ווילי איז שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן, מיט די ערשטע סימנים פֿון גרויע האָר בײַ די שלייפֿן, האָט דער פֿאָטער אויף אים געקוקט ווי אויף אַ יינגל, ווי אַמאָל אין דאָרף, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין גוטע וועגן. ער האָט אים געהאַלטן אין איין לערנען מצוות און לײַטישקייט. ער האָט אים ניט געלאָזט עסן אין בלויזן קאָפּ און אים פֿאַרדעקט דעם קאָפּ מיט וואָס נאָר עס איז אים אונטער דער האַנט געקומען. ער האָט ניט פֿאַרטראָגן זײַן פֿײַפֿן, וואָס ווילי האָט אַזוי ליב געהאַט.

— „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿײַפֿן, ווי אַ שייגעץ?״ — האָט ער זיך געבייזערט און פֿאַרשטאָפּט די אויערן.

ווילי האָט ניט פֿאַרשטאַנען.

— „מען טאָר ניט, טאַטע?״

— „מען טאָר נ י ט, מען טאָר י אָ,״ — האָט דער אַלטער זיך פֿאַרקרימט, — „אָבער ס׳איז ניט מעשה־מענטש. וואָסער פּנים האָט עס?״

באַלקן — ceiling.

לייז — באַפֿרײַ.

מחלוקתן (מאַכלויקעסן) — מיינונג־פֿאַרשיידנהייטן, discord, division of opinion.

אַמפּערנישן — קריגערײַען.

שלייפֿן — temples.

אָבער גאָר אַן אויפגעקאָכטער איז ער געוואָרן יעדער מאָל, ווען דער זון זײַנער האָט זיך אוועקגעזעצט שפּילן זיך מיטן הונט און געקראָכן אים מיט די הענט אין גרגרת אַרײַן. דער הונט האָט געבילט פון תענוג. געשפּרונגען, געקושט דעם באַלעבאָס די הענט, דאָס פּנים, צעגאַנגען זיך אין הינטישער התפּעלות. ר׳ הירש האָט עס ניט געקאָנט צוזען.

— „רחמנא־לצלן,״ — האָט ער געזאָגט מיט עקל, אוועק־דרייענדיק דעם קאָפּ אין אַ זײַט, ניט צוצוזען די מענטשיש־הינטישע נאָענטקייט.

שטילערהייט איז ער גאָר געווען אײַפערזיכטיק אויף דעם הונט. מיט אים, דעם פאָטער, האָט דער זון זײַנער ניט פאַרברענגט די פרײַע שעהן. ר׳ הירש האָט פון אַלע צײַטן ליב געהאַט צו ריידן, צו שמועסן וועגן תורה, קהל־ענינים, וועלטזאַכן. אומעטיק איז אים געווען דאָ, אין דער פאַרם. מיטן ווײַב האָט ער ניט געהאַט וואָס צו ריידן. מיט דער שנור .האָט ער ניט געקענט קיין וואָרט אויס־ריידן, ווי אַ שטומער. די עטלעכע ספרים, וואָס ער האָט מיט־גענומען, האָט ער שוין געקענט פון אויסנווייניק. אַ גאַנצן טאָג איז דער זון געווען אין די פעלדער. ער האָט שוין געוואַרט מיט אומ־געדולד אויף דעם פאַרנאַכט, ווען ער וועט צוריקקומען פון דער אַרבעט, כּדי צו קאָנען מיט אים אַ שמועס טאָן. אָבער ווילי איז געווען קאַרג אויף אַ וואָרט און גאַרנישט אויפגעהערט פּיפּען די ליולקע זײַנע. אויף יעדן שטראָם פאָטערס רייד האָט ער איין וואָרט געהאַט:

— „וועל,״ — האָט ער געברומט אַ געלאַסענער.

דער אַלטער איז געוואָרן צערייצט פון דעם זונס שווײַגן.

— „וועל אַהין, וועל אַהער,״ — האָט ער געזאָגט מיט כּעס און אויפגעהערט ריידן.

ווילי האָט אָנגעשטאָפּט אַ פרישע ליולקע מיט טאַבאַק און גע־

גרגרת (גאַרגערעס) — האַלדז, throat.

תענוג (טײַנעג) — הנאה, פאַרגעניגן, pleasure, delight.

התפּעלות (היספּאַלעס) — באַגייסטערונג, excitment.

רחמנא־לצלן (ראַכמאָנע ליצלאָן) — גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן.

קהל־ענינים (קהאַל־איניאָנעם) — community affairs.

שפילט זיך מיטן הונט. דער אַלטער איז געוואָרן אַן אויפֿגעקאָכטער:

— „אַז אַ טאַטע איז אַ הונט, איז אַ הונט אַ טאַטע,״ — האָט ער געברומט אַ ווײַנענדיקער.

ווילי האָט אַ פֿאַרשעמטער אָפּגעלאָזן דעם הונט. דער כּלבֿ איז צוגעשפּרונגען צום אַלטן, מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אויף זײַנע קני אַרויף, אַ סימן, אַז ער וויל זיך שפּילן. ר׳ הירש האָט מיט די עלנ־בויגנס אָפּגעשאַרט דעם הונט ווי אַ טמא באַשעפֿעניש און געפּוצט זיך דעם אַלפּאַגענעם ראָק פֿון די הינטישע האָר, וואָס האָבן זיך צום אים צוגעקלעפּט.

— „אַ פּוידזשעש, פּאַשאָל וואָן!״ — האָט ער אים געטריבן אין היימישן גויאיש, ווי ער איז געוואוינט געווען צו ריידן צו אַ הונט.

ווילי האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם אַלטן. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ריידן מיט אים. דעם פֿאָטערס מעשׂיות וועגן ייִדישקייט, קהל־זאַכן, פֿריידן און לײַדן פֿון די שטעטלדיקע ייִדן זײַנען אים געווען פֿרעמד, אין לינקן אויער ניט געקראָכן. ער האָט, אגבֿ, זיך שוין היפּש געהאַט אָפּגעוואוינט פֿון פֿאָטערס לשון, שלעכט פֿאַרשטאַנען אים, און גאָרנישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן דערויף. איבעריקנס, האָט ער פֿאַר די פֿיל יאָרן אין דער פֿאַרם אויסגעלערנט זיך שווײַגן. צום בעסטן האָט ער זיך געקאָנט צונויפֿ־ריידן מיט די שטומע באַשעפֿענישן, מיט די פֿערד, מיט דעם הונט. זיי האָבן אים פֿאַרשטאַנען און ער האָט זיי פֿאַרשטאַנען.

ווי יעדער ייִנגערער מענטש, האָט ער געקוקט אויף אַלטע לײַט ווי אויף עובֿר־בטלס, וואָס זייער איינציקע אַרבעט דאַרף זײַן עסן, רוען און שלאָפֿן. ער האָט עס אויך געזען בײַ די שכנים די פֿאַר־מערס, אַז ווען אַ פֿאָטער קומט אין די טיפֿע יאָרן אַרײַן און טויג שוין ניט צו קיין אַרבעט, הערט ער זיך אויף צו מישן און פֿאַרברענגט זײַן צײַט אין וואַרעמען זיך אויף דער זון און אין דרימלען. ער האָט געוואוסט אַז ער האָט פֿאַר דעם פֿאָטער אַלץ געטאָן, און ער האָט געוואָלט מנוחה האָבן פֿון אים.

טמא (טאָמע) — שמוציקע זאַך צו וואָס מען טאָר זיך ניט צורירן.

עובֿר בטלס (איוווער באָטלס) — אָפּגעלעבטע מענטשן, אַלטע לײַט וואָס זײַנען שוין ניט אין גאַנצן בײַם פֿולן שׂכל, dotards.

מנוחה (מענוכע) — רו, repose, rest.

— „טאַטע,‟ — האָט ער אים געזאָגט, — „עס, טרינק און דאַוון... עסטער וועט דיר ברענגען טהי...‟

— „איך דאַרף ניט קיין ,טהי',‟ — האָט דער אַלטער נאָכגע־שפּעט דעם זונס אַמעריקאַנער לשון און ער האָט געשאָטן פֿײַער פֿון זײַנע אויגן, וואָס האָבן נאָך ווי בײַ אַ יונגנמאַן געגלאַנצט מיט ענערגיע און לעבן.

ווי אין שטעטל בײַ זיך, האָט אים געצויגן צו מענטשן, צו קהלן זיך, צו זײַן דער כּל ולך צווישן באַלעבאַטים, אַליין צו זײַן אַ באַ־לעבאָס, אַ טאַטע אין שטוב. ער האָט ניט געקאָנט רואיק צוקוקן זיך צום גויאישן פֿירעכץ פֿון זײַן זון, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין שבת און קיין יום־טובֿ, פֿון קיין לײַב און לעבן. יעדער מאָל, וואָס ווילי האָט געטאָן עפּעס אָן אַרבעט אין שבת, האָט ר' הירש געקלאַפּט אין טיש:

— „איך וועל ניט דערלאָזן מחלל־שבת־זײַן בײַ מיר אין שטוב! כ'בין אַ טאַטע, בין איך!‟

דאָס ווײַב זײַנס האָט אים מיט ווײַבערישער פּראַקטישקייט אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער מערכה.

— „הירש,‟ — האָט זי אים אײַנגערוימט, — „ס'איז ניט דײַן שטוב, מיר זײַנען בײַ אַ קינד.‟

ר' הירש האָט ניט געוואָלט הערן.

— „יִדענע, איך וועל מײַן נשמה פֿאַר אַ טאָפּ אַרבעס ניט פֿאַרקויפֿן!‟ — האָט ער זיך געבייזערט.

און אַז זי האָט ווידער געוואָלט ריידן אים צום שׂכל, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן.

— „אַז איך ווייס גאָרנישט, ווי עס קומט צו מיר אַזאַ זון,‟ — האָט ער געברומט, — „גאָר קיין צורה פֿון קיין ייִד ניט.‟

ווילין איז שוין דאָס עסק געוואָרן צוגעגעסן.

— „טאַטע,‟ — האָט ער אים געזאָגט האַרט, — „דאָ נישטאָ

קהלן (קהאָלן) זיך — זיך אָפּגעבן מיט קהלשע זאַכן, (community affairs).

כּל ולך (קאָלוועלאָך) — אַ גאַנצער מאַכער.

פֿון קיין לײַב און לעבן — דאָ: ווייס פֿון קיין זאַך ניט.

מחלל (מעכאַלעל) — פֿאַרשוועכן, violate.

מערכה (מאַראָכע) — דאָ: גרויסקייט, זיך גרויס האַלטן.

די יוראַפּשע ביזנעס מיט שבת. דאָ איז אַמעריקע. דאָ נישטאָ קיין שבת־גוי, אַליין מוז מען אַלץ טאָן... די קי מיט די פֿערד ווילן ניט וויסן פֿון קיין שבת...״

— „די פֿערד,״ — האָט ר׳ הירש געשפּאָט, — „די פֿערד אין קאַפּיטע זײַנען בײַ אים מער ווערט, ווי דער טאַטע אין קאָפּ...״

ווילי איז אַרויס פֿון די כּלים. קיין זאַך האָט אים אַזוי ניט געאַרט, ווי ווען מען רירט אָן זײַנע פֿערד. פֿון כּעס האָט ער גענומען שרײַען „העל״ און „דעם״ אַזוי, אַז דאָס הארץ זאָל זיך קילן. ר׳ הירש האָט דעם טײַטש פֿון זונס ווערטער ניט געוואוסט, אָבער אָנגעשטויסן האָט ער זיך, אַז גאַרנישט קיין גוטס באַדייטן די צאָרנדיקע רייד אויף אים, און ער האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט.

— „רבונו־של־עולם,״ — האָט ער געהאַט טענות צו גאָט, — פֿאַר וואָס האָסטו מיך בעסער ניט צוגענומען אין דער היים, איידער איך זאָל אויף מײַנע אַלטע יאָרן דערלעבן פֿון אַן אייגענעם זון אַזאַ נחת?!״

ווילי איז געריררט געוואָרן פֿון פֿאָטערס טרערן. ווי יעדער געזונטער מאַן, האָט ער ניט פֿאַרטראָגן קיין טרערן, נאָך דערצו פֿון אַ מאַנצביל. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַנע אויסגעהאָרעוועטע האַרטע הענט אויפֿן פֿאָטערס אַקסלען, געגלעט אים.

— „נו, טאַטע,״ — האָט ער געבעטן, — „נו, איך בין אַ גראָבער יונג... נו, גענוג שוין... בי נײַס, אָלד מען...״

עטלעכע טעג צײַט איז אין שטוב געווען רואיק. ווילי איז געגאַנגען אויף די שפּיצפֿינגער, געהיט זיך אַ פֿײַף צו געבן, געדענקט אָנצוטאָן דעם ברייטן קאַפּעליוש בײַם עסן און געטריבן דעם הונט פֿון שטוב, אַבי דעם פֿאָטער ניט צו דערצערנען. ר׳ הירש, פֿון זײַן זײַט, האָט געזען אָנטקעגנצוקומען דעם זון.

— „נו, שוין, נו, לאָז אים אַרײַן, דעם כּלבֿ,״ — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, ווען דער הונט האָט געריסן מיט די נעגל אין דער טיר און געוויינט, מען זאָל אים אַרײַנלאָזן.

אָבער אין גיכן האָט זיך ביידן אײַנגעגעסן די אָנגעצווינגענע לײַטישקייט. עס האָט זיך ניט געקלעפּט צווישן זיי ביידע. פֿרעמד

אַרויס פֿון די כּלים (קיילים) — פֿאַרלאָרן דאָס געדולד, lost all patience.

טענות (טײַנעס) — complaints.

דערצערנען — אַרײַנברענגען אין כּעס.

זײַנען זיי זיך געווען, טאַטע און זון, ניט פֿאַרשטאַנען זיך. פּונקט ווי ווילי איז געווען רואיק, שווײַגנדיק און האַרט, האָט קיין זאַך ניט אין זינען געהאַט אַחוץ זײַן אייגענע פֿאַרם, בהמות און עופֿות, אַזוי איז דער פֿאָטער געווען אומרואיק, קאָכעדיק און גאַנץ קהל געהאַט אויף זײַן קאָפּ. זיצנדיק דאָ, האָט ער ניט אויפֿגע־הערט אין זינען האָבן דאָס באַד, דעם רבֿ און די גבאים, די איי־ געניקלעך, קינדער און קרובֿים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן, אַפֿילו פֿרעמדע און ווײַטע. ער האָט גאָרנישט אויפֿגעהערט צו שרײַבן בריוו אַהיים, געדיכטע בייגעלעך פּאַפּיר מיט געציקלטע, אויסגע־פּוצטע אותיותלעך, פֿול מיט גלײַכווערטלעך און פּסוקים, תּורה און מליצה. ווילי, וואָס האָט זעלטן אַ פּען אין האַנט גענומען, האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער פֿאָטער שרײַבט אַזוי פֿיל, וואָס ער מישט זיך אין זאַכן ערגעץ אויף יענער זײַט ים. אים האָט ער מורא געהאַט צו פֿרעגן, אָבער די מוטער האָט ער געפֿרעגט וועגן דעם.

— „וואָס שרײַבט ער אַזוי פֿיל, מאַמע?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

— „אַז גאַנץ קהל איז אויף זײַן קאָפּ!" — האָט די אַלטע גע־זאָגט אַן אומצופֿרידענע. — „תּמיד אַזוי געווען."

באַלד האָט ר' הירש אויך אָנגעהויבן זאָגן דעות אין ייִדישקייט אין נאָענטן אַמעריקאַנער שטעטל. די מעשׂה מיטן קצבֿ, וואָס פֿאַר־קויפֿט טריפֿה פֿלייש צוזאַמען מיט כּשר, האָט אים קיין מנוחה ניט געגעבן, ניט געלאָזט רואיק אײַנזיצן אויף דער פֿאַרם. יעדער מאָל נאָר, ווען ווילי איז געפֿאָרן אין שטעטל אַרײַן, האָט דער אַלטער גענומען זיך דרייען אַרום דער בריטשקע, ווי אַ ייִנגל, וואָס וויל, אַז דער טאַטע זאָל אים מיטנעמען מיט זיך אויף דער פֿור. ווילי האָט ניט געהאַט קיין חשק דעם אַלטן צו פֿירן. ערשטנס, האָט ער געשוינט די פֿערד. ער האָט קיין מאָל ניט ליב געהאַט אומזיסט אָנצולייגן מער משׂא אויף די פֿערד זײַנע. אמת, אַז דער פֿאָטער איז קיין גרויסער באַלאַסט ניט געווען, אָבער קיין געזונט פֿון אַן איבעריקן

ג ב אָ י ם (גאַבאָים) — פֿאַרשטייער פֿון אַ געמיינדע, heads of a Congregation.

מ ל י צ ה (מליצע) — שיינע רייד, flowery language.

ז אָ ג ן ד ע ו ת (דייעס) — דיקטירן, to dictate.

פֿאַרשווין אין וואָגן קומט קיין פֿערד ניט צו. צווייטנס, איז אים געווען אַ ביסל אומבאַקוועם פֿאַר די שכנים. זייער מאָדנע האָט אויסגעזען אין די אויגן פֿון די פֿאַרמערס דער בערדיקער מאַן מיט דעם אַלפּאַגענעם סורדוט און האַלב רבניש קאַפּעליושל, וואָס ער האָט זיך אײַנגעהאַנדלט צו זײַן רײַזע קיין אַמעריקע. זיי האָבן קיין מאָל אַזאַ מענטש ניט געזען. די עלטערע האָבן בלויז געקוקט מיט וואונדער, אָבער די יונגע באָים און מיידלעך האָבן הויך געלאַכט פֿון דעם אויסטערלישן מענטש אין די פֿרעמדע קליידער. אַנדערע האָבן אַפֿילו נאָכגעשרײַען אַ שפּאָטוואָרט. ווילי האָט זיך געפֿילט זייער באַליידיקט דעריבער. דריטנס, האָט ער ליב געהאַט צו פֿאַר־ברענגען אין שטעטל, דער אַלטער, אויסזוכן ייִדן, צו וועלכע עס האָט אים אַזוי געצויגן, און ער האָט ניט געוואָלט אהיים פֿאָרן צו דער צײַט.

— „נאָך אַ ביסעלע, וואָלף,״ — האָט ער זיך אָפּגעבעטן, ווען דער זון האָט אים גערופֿן צו דער ברישקע, — „אַ גאַנצע וואָך זע איך ניט קיין ייִד פֿאַר די אויגן.״

ער האָט זייער ליב געהאַט צו פֿירן וויכּוחים מיט דעם אַפּטײ־קער, וואָס האָט זײַנע לומדישע און געציקלטע בריוו געלייענט און צו וועלכן ווילי האָט אים אַרײַנגעפֿירט איין מאָל. ער איז געווען אַ משׂכּיל, דער אַפּטייקער מיט די דיקע אויגן־גלעזער, אַמאָל אין דער ליטע אין אַ ישיבֿה געלערנט, און כאָטש ער איז שוין דאָ לאַנג אין לאַנד געווען, האָט ער נאָך אַלץ ליב געהאַט דורכצולופּטערן זײַן אַמאָליקע לומדות און וואָרפֿן מיט תּורה און פּסוקים, וואָס ער האָט געהאַט פֿול אין זײַן רונדן קאָפּ. כאָטש ער איז געווען אַן אַפּיקורס, דער אַפּטייקער, האָט אויסגערעדט אויף גאָט און אויף משיחן, האָט ר׳ הירש אים ליב געקריגן, אויסגעגאָסן פֿאַר זײַן שאַרפֿן קאָפּ און לומדות, און געזוכט אים איבערצוקערן זײַן האַרץ צום

סורדוט — surtout, frock-coat

וויכּוחים (וויקוכים) — disputes.

משׂכּיל (מאַסקיל) — enlightened man

דורכצולופּטערן — אָפּצופֿרישן.

לומדות (לאָמדעס) — געלערנטקייט אין תּורה.

אַפּיקורס (אַפּיקוירעס) — ניט־גלייביקער.

גוטן, דורך אַלערליי משלים און ראיות פֿון די ספֿרים. דער אַפּטייקער האָט זיך ניט געלאָזט. גלײַכליגנדיק די שטיקלעך שמעקענדיקע זייף אויפֿן טיש, האָט ער פֿאַרן אַלטן אַ וועלט מיט תּורה אויסגעשאָטן, וואָס זאָל אונטערהאַלטן זײַן אַפּיקורסות. ר׳ הירש האָט זיך געקאָכט:

— „אָט דאָס איז דאָך טאַקע די מעשׂה, ליטוואַק צלם־קאָפּ!" — האָט ער געזאָגט, — „וואָס ווייסן ווייסט איר, נאָר האַלטן האַלט איר ניט דערפֿון, ימח־שמוניק אײנער..."

זידלענדיק זיך איינער דעם אַנדערן, אויסרייידנדיק אסור לדבר אויף דעם אַנדערנס גלויבן, האָבן די צוויי מענטשן געקלעפּט צו זיך. ביידע האָבן זיי גלײַך געבענקט נאָך ייִדישקייט אין דעם פֿאַרגרעבטן אַמעריקאַנער שטעטל, אויסגעגאַנגען נאָך אַ וואָרט תּורה. דורך אָט דעם אַפּטייקער האָט ר׳ הירש אויך אויפֿגעזוכט אַנדערע ייִדן אין שטעטל, עלטערע טאַטעס, וואָס זײַנען געזעסן בײַ זייערע פֿאַרגויאישטע, אויפֿגעקומענע קינדער, געוועזענע פּעד־לערס און איצטיקע ביזנעסלײַט. פּונקט ווי ר׳ הירש, זײַנען זיי געווען פֿרעמד בײַ זייערע קינדער אין די הײַזער און מורא געהאַט זיך צוצורירן צו אַן עסן, ווײַל אַלץ איז געווען טריף ביזן ביין. ר׳ הירש האָט אויפֿגעלעבט, דערזעענדיק זײַנס גלײַכן. ער איז גלײַך מיט זײַן לומדות און ברייטקייט געוואָרן בײַ זיי דאָס אייבערשטע פֿון שטייסל, דער למדן און חכם.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך אויך דערפֿרעגט צום רבֿ און אַנגעקלאַפּט אין זײַן הויז. אים האָט אויפֿגענומען אַ געגאָלטער הויכער יונגערמאַן מיט אַ גלאַט פֿאַרקעמטן קאָפּ. כאָטש ר׳ הירש האָט שוין געהאַט געהערט פֿון קצבֿ, אַז דער רבֿ דאָ זיצט בײַם גלח און שפּילט

משלים (מעשאָלים) — בײַשפּילן, examples, parables, similies.

ראיות (ראַיעס) — באַווײַזן, proofs, evidences.

אַפּיקורסות (אַפּיקאָרסעס) — ניט גלייבן, heresy.

צלם־קאָפּ (ציילעם) — גויאישער קאָפּ.

ימח־שמוניק (יעמאַך שמויניק) — אַזאַ איינער וואָס „אויסגעמעקט זאָל ווערן זײַן נאָמען", wicked man, scoundrel.

אסור לדבר (אָסער לעדאַווער) — דאָ: דאָס ערגסטע.

אייבערשטע פֿון שטייסל — the élite, the best

אין פינאַקל, איז ער פֿון דעסטוועגן געבליבן שטיין אָן לשון, ווען דער געגאָלטער יונגערמאַן איז צו אים אַרויסגעקומען.

— „איך דאַרף דעם ראַבינער,״ — האָט ער געשטאַמלט אין דײַטשמעריש, כּדי מען זאָל אים בעסער פֿאַרשטיין.

— „איך בין דער ראַבאַי,״ — האָט אים דער געגאָלטער יונגער־מאַן געענטפֿערט אין אַן אַמעריקאַנער יִידיש, — „קום אַרײַן.״

ווי יעדער געבוירענער אַמעריקאַנער, וואָס וויל ריידן יִידיש, האָט ער געזאָגט דעם אַלטן מאַן „דו״.

ר׳ הירש האָט דערפֿילט אין זיך דעם היימישן קהל־מענטש, וואָס אַז עס קומט צו יִידישקייט, איז נישטאָ קיין גרענעץ און אָפּהאַלט, און ער איז אַרויס מיט שאַרפֿע ווערטער, ווי אַמאָל בײַ זיך אין שטעטל, אין אַ מחלוקת מיטן רבֿ.

— „ראַבינער,״ — האָט ער געזאָגט, כּדי ניט אָנצורופֿן דעם גאָלעבאָרדניק מיטן נאָמען רבֿ, — „איך בין געקומען מיט אײַך זיך קריגן.״

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין וואָרט, האָט ער גענומען ריידן מיט פֿײַער וועגן דער יאַטקע, וואו כּשרס מיט טריפֿה ליגן צוזאַמען, אַז וויי איז צו די אויגן, וואָס זעען גאָר אַזוינס.

דער געגאָלטער רבֿ האָט געלאַסן אויסגעהערט דעם אַלטנס מבול הייסע רייד און מיט קיין איין וואָרט ניט איבערגעריסן. ערשט, ווען דער אַלטער האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָדן, האָט ער אים געהייסן זיך אַוועקזעצן און מיט אַ שמייכל אײַנגענומען:

— „דבֿרי חכמים בנחת,״ האָט ער געזאָגט אין לשון־קודש מיט אַ ספֿרדישער אויסשפּראַך, — „קלוגע לײַט ריידן געלאַסן, אָן „עקסאַיטמענט״... מיט שרײַען וועט מען דאָ גאָרנישט מאַכן... לאָמיר ריידן וועגן דעם שטיל, אַי׳ל בי גלעד טו ליסען טו יו*)...״

ג אָ ל ע ב אָ ר ד נ י ק — with a shaved face.

מ ב ו ל (מאַבל) — deluge, flood.

א ו י ס ג ע ל אָ ד ן — דאָ: אַרויסגעזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין זיך; זיך באַרואיקט.

ד בֿ ר י ח כ מ י ם ב נ ח ת (דיווריי כאַכאָמים בנאַכאַס) — קלוגע לײַט רעדן געלאַסן, רואיק.

*) איך וועל מיט פֿאַרגעניגן אײַך אויסהערן.

ר׳ הירש האָט געשטויִנט איבער דעם געגאָלטנם לשון־קודשדיקן גלײַכוועדטל, ווי ער וואָלט הערן אַ ייִדיש וואָרט פֿון אַ גוי, און ער האָט גענומען ריידן וועגן תּורה און ייִדישקייט, אַרויסווײַזנדיק זײַן גאַנץ לומדות, כּדי צו ווײַזן אים, דעם אַמעריקאַנער, אַז ער איז ניט פֿון די צוויי־פֿאַר־אַ־דרײַער. דער ראַבאַי האָט אים דערפֿאַר אַ קאָמפּלימענט געמאַכט און אים געבעטן נאָך אַ מאָל אַרײַנצוקומען. ווילי האָט געמוזט היפּשע עטלעכע מאָל קנאַלן מיט דער בײַטש פֿאַרן ראַבאַיס פֿענצטער ביז דער פֿאָטער זײַנער איז אַרויסגעקומען צו דער בריטשקע.

— „איך האָב אים דערציילט די מעשׂה, דעם „רבי״ דײַנעם, וואָלף,״ — האָט ר׳ הירש זיך באַרימט. — „איך האָב אים אַרײַנגעזאָגט, ווי עס דאַרף צו זײַן, ניט געשעמט זיך...״

ער האָט געקוקט מיט זיגערישע, גלאַנציקע אויגן דורך די גאָלדענע ברילן, צו זען, וואָסער אײַנדרוק זײַנע רייד וועלן מאַכן אויף דעם זון זײַנעם.

אָבער ווילי איז פֿון פֿאָטערס באַרימערייען ניט נתפּעל געוואָרן. פֿאָכנדיק מיט דער בײַטש, ניט, חלילה, איבער די פֿערדישע פֿעל, נאָר בלויז אין דער לופֿטן צוליב קוראַזש, האָט ער עטלעכע פֿאַרדומפּענע ווערטער צוזאַמען מיטן רויך פֿון דער ליולקע אַרויסגעלאָזט:

— „מאַינד יור אָון ביזנעס, אָלד מען*),״ — האָט ער אים געלערנט די אַמעריקאַנער תּורה, — „דאָ נישט יוראָפּ... יעדער פֿאַר זיך, טאַטע...״

10

מאָדנע פֿאַרשווינען, וואָס קיין מאָל האָט מען אַזעלכע ניט געזען פֿריִער אין דער שכנות, האָבן אָנגעהויבן זיך באַווײַזן אויף דעם זײַטיקן שלעכט געפּלאַסטערטן וועג, וואָס האָט געפֿירט

צוויי־פֿאַר־אַ־דרײַער — די וואָס האָבן ניט קיין ווערט.

נתפּעל (ניספּאָעל) — דאָ: excited.

חלילה (כאַלילע) — עס זאָל אַזאַ זאַך ניט טרעפֿן, גאָט באַהיט. God forbid.

פֿאַרדומפּענע — ניט קלאָר אַרויסגערעדטע.

*) האָב אין זינען דײַנע אייגענע געשעפֿטן, אַלטער.

צו ווילס זײַטיקער פֿאַרם. די פֿאַרמערס אַרום האָבן שוין אַליין, נאָך איידער מען האָט זיי געזאָגט דעם נאָמען, אָנגעוויזן דעם וועג די פֿרעמדע, וואוהין זיי דאַרפֿן פֿאָרן.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן אַראָפּקומען דער אַפּטייקער מיט די דיקע אויגן־גלעזלעך, דורך וועלכע די אויגן זײַנע האָבן אויסגעזען דאָפּלט גרויס. יעדן זונטיק האָט ער איבערגעלאָזן די „סטאָר" זײַנע בײַם געהילף און מיט אַן אַלט פֿאָרדל, אַ צעקנייטשטס און אָפּגע־קראָכנס, מיט סימנים פֿון אַמאָליקער גרינער פֿאַרב, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט צום אַלטן ר' הירש, כּדי צו ריידן מיט אים וועגן תּורה און וועלטזאַכן, נאָך וועלכע ער האָט אַ גאַנצע וואָך געבענקט בײַ זײַנע פֿלעשלעך און זייפֿן. אַ קורצזיכטיקער, אַ שווערלעכער, מיט קורצע הענט און פֿיס, האָט ער זיך געהעצקעט אין זײַן אַלטער מאַשינקע און געגעבן אָפּט סיגנאַלן אויף אַלע זײַטן, מען זאָל אים ניט פֿאַרטשעפּען די קאַטערינקע זײַנע, וואָס אָט, אָט ווערט זי צעשפּרונגען. יעדער מאָל אויף ס'נײַ האָט ער פֿאַרגעסן די געדרייטע וועגן צו דער זײַטיקער פֿאַרם און יעדער מאָל אויף ס'נײַ האָבן אים די פֿאַרמערס אָנגעוויזן שוין אַליין וואוהין ער דאַרף פֿאָרן.

ר' הירש איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אָפֿענע אָרעמס.

— „ער איז געקומען, דער צלם־קאָפּ," — האָט ער געזאָגט מיט שׂמחה. — „געמיינט, אַז ער וועט אָנזעצן דאָס מאָל."

— „איר האָט מיך חושד געווען, אַז איך וועל מחלל־זונטאָג זײַן?"

— האָט דער אַפּטייקער געזאָגט מיט אַ געלעכטערל און איבערגע־שראָקן אין הויף אַלע הינער מיט זײַנע סיגנאַלן.

ווילי האָט קרום געקוקט אויף דעם אַפּטייקערס וויזיטן אין זײַן פֿאַרם.

— „האַו דו, דו?" — האָט ער אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז אויף דעם ליטוואַקס וויצלענדיקע באַגריסונגען, וואָס שטענדיק האָבן זיי ניט איין מיין, נאָר עטלעכע, און ער איז אַוועק צו זײַנע שטאַלן.

אָבער דער אַפּטייקער האָט זיך דערפֿון ניט געמאַכט. ניט ער

געהעצקעט — געשאָקלט, געוואָרפֿן.

קאַטערינקע — אַלטע מאַשינקע.

חושד (כוישעד) זײַן — פֿאַרדעכטיקן, suspect.

האָט עפּעס געזען דורך זײַנע שטאַרק דיקע גלעזלעך, ניט ער האָט זיך געמאַכט דערפֿון, וואָס עפּעס אַ פֿאַרמער־יונג ברומט דאָרטן. ער איז גלײַך אַרײַן אין אַ וויכּוח מיט ר׳ הירשן וועגן תּורה און פֿאַר־ענדיקט דעם איבערגעריסענעם געשפּרעך, בײַ וועלכן זיי זײַנען שטיין געבליבן מיט אַ וואָך צוריק.

— „זײַנען מיר, הייסט עס, געבליבן שטיין בײַ דעם רמב״ם יענע וואָך,״ — האָט ער געזאָגט אַ צופֿרידענער פֿון זײַן גוטן זכּרון, — „אמת, ר׳ הירש?״

— „אמת, אמת, ימח־שמוניק איינער,״ — האָט אים ר׳ הירש צוגעשאָקלט, — „אַן אײַזערנעם קאָפּ האָט עס...״

אַרומקריכנדיק איבער די לאָנקעס, פֿעלדער, האָבן זיי הויך געקריגט זיך איבער פּסוקים, גמראָס, און זיך איינער דעם אַנדערן אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַנגעקראָכן. די ווײַבער האָבן גוטע מאכלים געשטעלט צום טיש פֿאַרן גאַסט. דער אַפּטייקער האָט געריבן אויףביידע באַקן, פֿאַרגאַנגען זיך אין שבֿחים פֿאַר די ווײַבער, וואָס האָבן אַזעלכע גוטע היימישע מאכלים געקאָכט. נאָכן עסן האָט ער די שטענדיקע חכמה געזאָגט צו ווילין:

— „אַזוי ווי מיר זײַנען אין דרײַען,״ — האָט ער געשפּאַסט, — וועט איר פֿאַר אונדז בענטשן מיט מזומן... קאַם־אָן, באָי!...״

בײַם אַוועקפֿאָרן האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע. דער אַפּטייקער האָט זיך געכאַפּט צום בײַטל, געוואָלט אָפּצאָלן פֿאַר דעם עסן, און ר׳ הירש האָט זיך געשוואוירן מיט אַלע שבֿועות אין דער וועלט, אַז ער וועט צו אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן.

— „זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז ס׳איז אַ „באָרדינג הויז״, — האָט דער אַפּטייקער געטענהט, — „פֿאַר וואָס ניט באַצאָלן?״

— „רעדט ניט, איר זענט מיך מבֿייש, — האָט ר׳ הירש גע־

אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַנגעקראָכן — זיך אַרײַנ־געזאָגט שאַרף איינער דעם אַנדערן.

שבֿחים (שוואָכים) — לויב־געזאַנגען.

מזומן (מעזומען) — דרײַ אָדער מער מענער צוזאַמען בענטשן מזומן: זאָגן די תּפֿילה נאָכן עסן זאַלבעדריט.

שבֿועות (שוואועס) — oaths.

מבֿייש (מעוואַיעש) — באַליידיקן, to insult.

ענטפֿערט, — „איר זענט מײַן גאַסט און כ׳בין מיך מיט אײַך מחיה, אַז איר קומט.״

כּדי ניט אָוועקצופֿאָרן אַזוי אָן גאָרניט, האָט דער אַפּטייקער אײַנגעהאַנדלט תּמיד אַהיים פֿרישע אייער, אַ פֿלעשל האָניק פֿון בינשטאָק, אַ ביסל גרינס.

— „גוד־באַי, לײדים ענד דזשענטלמען,״ — האָט ער געררופֿן פֿון דער מאַשינקע אַרויס, פֿאָכענדיק מיט זײַן קורץ הענטל און איבער־לאָזנדיק אַ סך רויך און סאָפּערײַ הינטער זיך.

נאָך אים האָבן אָנגעהויבן זיך אַראָפּכאַפּן אַנדערע מענטשן פֿון שטעטל.

אין זײַנע באַקאַנטשאַפֿטן אין שטעטל, האָט ר׳ הירש זיך צו־נויפֿגעטראָפֿן מיט אַ ייִד אין זײַנע יאָרן, וואָס זײַן זון, אַ באַלעבאָס פֿון דעם גרעסטן קליידער־געשעפֿט, האָט אים ניט לאַנג צוריק געהאַט אַראָפּגעבראַנגט פֿון יענער זײַט ים. אָט דער אַלטער ייִד האָט זיך געפֿילט זייער פֿרעמד אין רײַכן פֿאַרפּוצטן הויז פֿון זײַן אויפֿגעקומענעם זון, אַרומגעדרייט זיך ווי אַ שאָטן צווישן די אייניקלעך, וואָס האָבן אַ וואָרט ייִדיש ניט פֿאַרשטאַנען. ער האָט געוויינט גאַנצע טעג אויף זײַן עלנט און געבעטן דעם זון זײַנעם ער זאָל אים קויפֿן אַ שיפֿסקאַרטע און צוריקשיקן אים אַהיים. דער זון זײַנער האָט אים ניט געוואָלט צוריקשיקן. דערפֿאַר האָט ער אים אָבער געוואָלט געבן אַ „גוד־טאַים״, דעם אַלטן, און אין איינעם אַ זונטאָג, ווען ער איז געווען פֿרײַ פֿון ביזנעס, האָט ער גענומען דעם פֿאָטער זײַנעם אין דער נײַער מאַשין און אים אַרויסגעפֿירט צו דער פֿאַרם, ער זאָל זיך דורכלופֿטערן אַ ביסל די צונג מיט ר׳ הירשן.

געטאָן האָט ער עס תּחילת ווי אַ ביטערן חובֿ, כּדי אײַנצושטילן דעם פֿאָטער זײַנעם, דעם אַלטן נודניק. אָבער אין דער פֿאַרם האָט אויף אים אַליין אַ בלאָז געטאָן מיט דאָרף, רו און שטילקייט. די פֿרישע לופֿט האָט גלײַך הונגעריק געמאַכט. דאָס עסן, וואָס די ווײַבער האָבן דערלאַנגט צום טיש, איז געווען היימיש און געשמאַק.

מיט אײַך מחיה (מעכאַיע) — delighted to see you.
סאָפּערײַ — puff.
תּחילת (טכילעס) — אין אָנהייב.

ביים אוועקפאָרן האָט דער מאַן איבערגעלאָזט צו פֿיל געלט, אַ גאַנץ צענערל פֿאַרן עסן. עסטער האָט ניט געוואָלט נעמען. אָבער דער ביזנעסמאַן האָט איר דאָס געלט אין האַנט אַרײַנגעשטופּט.

— „אַ'ל קאָם עגעין," — האָט ער צוגעשריִען פֿון אויטאָמאָביל אַרויס, — איטס ע נאַיס פּלעיס...*)."

נאָך אים האָבן אַנדערע ביזנעסלײַט אָנגעהויבן אַרויסצופֿירן אום זונטאָג זייערע אַלטע טאַטעס און מאַמעס צו דער פֿאַרם, דורכצולופֿטערן אַ ביסל דאָס אַלטוואַרג אין אַ פֿרײַען טאָג.

מיט נײַע מאַשינען, גלאַנציקע, נאָר וואָס פֿון דער פֿאַבריק אַרויס, מיט ברייטקייט און טומל, זײַנען זיי פֿאַרפֿאָרן צו דער זײַטיקער פֿאַרם און זיך פֿונאַנדערגעלייגט ווי בײַ זיך אין דער היים. ווילי האָט קרום געקוקט אויף די פֿרעמדע לײַט. זיי זײַנען אומעטום געווען פֿול, געקראָכן אין די שטאַלן, אַרומגעטראָטן אין די לאָנקעס, אויף יעדער זאַך זיך געוואונדערט און געפֿרעגט פֿראַגעס. באַלד האָבן זיי אויך לידער גענומען זינגען, און געוואָלט רײַטן אויף פֿערד, פֿאָרן אויף שיפֿלעך איבערן טײַכל. ווילי האָט ניט געוואָלט געבן קיין פֿערד. די מענטשן האָבן אים ניט פֿאַרשטאַנען.

— „אָל־ראַיט," — האָבן זיי געזאָגט, — „מירן באַצאָלן נאָך אַ טאָלער. געלט שפּילט ניט קיין ראָלע..."

פּונקט ווי ווילי איז אַרומגעגאַנגען אַ בייזער, האָט ר' הירש אָנגעקוואָלן, געפֿילט זיך ווי אַ פֿיש אין וואַסער. ער האָט גערעדט וועגן ייִדישקייט, וועלטזאַכן, געשאָטן מיט תורה און חכמה פֿאַר אָט די אויסגעפּוצטע לײַט, צו ווײַזן זיי, אַז דאָס, וואָס ער, אַ גרינער, ווייס אין נאָגל, ווייסן זיי ניט, די אַמעריקאַנער, אין זייער לײַב און לעבן. זיי האָבן אים טאַקע באַוואונדערט, די אויסגעפּאַשעטע ביזנעסלײַט, מיט עם־הארצישער הכנעה אויסגעהערט זײַנע תּורהס. פֿון וועלכע זיי האָבן קיין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען, און אָנגעוויזן זייערע קינדער די מיוחסים:

---

*) איך וועל קומען נאָך אַ מאָל. ס'אַ פֿיינער פּלאַץ.

אין זייער לײַב און לעבן — דאָ: האָבן זיי זייער גאַנץ לעבן ניט געוואוסט.

עם הארצישער (אַמעראַצישער) — ignorant, illiterate.

הכנעה (האַכנאָע) — humility.

מיוחסים (מעיוכאָסים) — aristocrats.

— „יו סי, באַים, האַו סמאַרט דהי אָלד פּיפּעל אַר...*‏."

ר׳ הירשס ווײַב האָט געוויזן איר קענטעניש אין די טעפּ, גע־מאַכט לעבערלעך געהאַקטע, היימישן הערינג מיט ציבעלעס, פעטע יויכלעך, העלדזלעך געפילטע, פון וואָס די רײַכע לײַט האָבן געלעקט די פינגער.

— „דעלישאַס (מעדנים)," — האָבן זיי געלויבט, באַלעקנדיק זיך פון די אַלטע מאכלים.

דאָס איז געווען אַן אָפּרו פאַר זיי נאָך די אַלע בלוטיקע „סטעיקס", „טשאָפּס" און גרינסן, וואָס די שוואַרצע דינסטן האָבן פאַר זיי געמאַכט און וועלכע זײַנען זיי געקראָכן פון האַלדז.

בײַם אוועקפאָרן האָבן זיי אײַנגעהאַנדלט אייער און פרוכטן, אײַנגעקויפט בוקעטן בלומען, און באַצאָלט מער וויפל עסטער האָט פאַרלאַנגט. זיי האָבן ר׳ הירשן לאַנג די האַנט געשאָקלט, אַ וועלט מיט שאלות וועגן ייִדישקייט אים געפרעגט, וועגן קדיש און הזכרת־נשמות, ווי בײַ אַ רבֿ, און אים צוגעזאָגט, כשרע קיכן צו פירן און אָפּצוהיטן ייִדישקייט. אַ סך מאָל האָט ר׳ הירש אַפילו אַ מנין צונויפגעשטעלט און אַ מנחה אָפּגעדאַוונט פאַרן עמוד, ווי אין דער אַלטער היים. עסטער איז געשטאַנען מיט אַן ערנסטער פרומקייט, מיט בײדע הערטע הענט פאַרלייגט אויף דער פלאַכער ברוסט, און אויסגעהערט די פרעמדע ווערטער פון געבעט, וואָס זי האָט גאָר־נישט פאַרשטאַנען דערפון.

ווילי האָט געברומט, אָבער עסטער האָט אים אײַנגעשטילט. זי האָט אים איבערגעגעבן די פעקלעך דאָלאַרן, וואָס מען האָט אין איין טאָג פאַרדינט מער ווי פון אַ גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט אין דער פאַרם, און זי האָט אים קיין שלעכט וואָרט אויף די געסט נישט געלאָזט ריידן.

— „פײַנע לײַט," — האָט זי געזאָגט.

---

*) איר זעט, ווי קלוג די אַלטע לייט זיינען?

הזכרת נשמות (האַזקאַראַס נעשאָמעס) — אַ תּפילה וואָס מען זאָגט פאַר די נשמות פון די טויטע.

מנין (מיניען) — צען, די צאָל פון צען מענער וואָס ייִדן מוזן האָבן צום דאַוונען אין איינעם און צו געוויסע אַנדערע רעליגיעזע צערע־מאָניעס.

מנחה (מינכע) — די תּפילה וואָס מען דאַוונט נאָך מיטאָג אָדער פאַר נאַכט איידער די זון פאַרגייט.

זי איז אַרײַן אין נײַעם לעבן, אַז זי האָט שוין געבענקט נאָכן זונטאָג, ווען די מענטשן פֿון שטעטל קומען זיך אָן. אויפֿן שווער האָט זי געקוקט מיט בליקן פֿול מיט פֿאַרערונג, ווי אויף אַ גײַסטלעכן. גאָר אויסגעוואַקסן איז ער אין אירע אויגן, ווען דער שטעטלשער ראַבאַי אַליין איז אַרויסגעקומען צו אים אַ מאָל צו גאַסט. ער האָט גערעדט מיט איר, עסטערן, שיינע רייד, פֿון דער ביבל אַרויס, גע־לויבט איר פֿאַר איר פֿרומקייט און זי טאָכטער גערופֿן. עסטער האָט געפֿלאַמט פֿון ווײַבערישער בושה און געריררטקייט. זי האָט אַזאַ אַפּשײַ געהאַט פֿאַר דעם שווער אירן, אַז זי האָט זיך אָנגענומען פֿאַר אים תּמיד, ווען ווילי איז אין כּעס געוואָרן אויף אים, הלמאַי ער דרייט אים צו פֿיל אַ קאָפּ מיט ייִדישקייט. טייל מאָל, אַז דעם אַלטן האָט אין מיטן דער וואָך געגעבן אַ שטאַרקן צי צו זען ייִדן און ווילי האָט אים ניט געוואָלט צופֿירן צום שטעטל, האָט זי אײַנגע־שפּאַנט די ברישקע און מיט דעם אַלטן געפֿאָרן. ר׳ הירש האָט צו איר פֿאָטערלעך געשמייכלט פֿון זײַנע גאָלדענע ברילן אַרויס און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַ סימן, אַז ער וואָלט וועלן ריידן מיט איר, נאָר ער קען נעבעך ניט.

11

ר׳ הירשם בריוו אַהיים אין שטעטל זײַנען ניט געווען אומזיסט. ער האָט געוואָלט האָבן ייִדן אַרום זיך און ער האָט עס אויסגעפֿירט.

פֿאַר די ערשטע ימים־נוראים, טאַקע ווי ר׳ הירש האָט עס אויסגערעכנט, איז זײַן עלצטער זון, דער בכור, אַראָפּגעקומען פֿון שטעטל אַהער מיט אַ סך קינדער, פּעק און זאַכן. צווישן אַלערליי אַנדערע קוישן און קאַסטנס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, האָט ער איין קעסטל באַזונדערס געהיט און אַכטונג געגעבן דערויף.

אַ פּ ש ײַ — respect.

ה ל מ אַ י (אַלעמײַ) — פֿאַר וואָס.

י מ י ם נ ו ר אָ י ם (יאָמים נוירויִם) — די שרעקלעכע טעג, די טעג פֿון ראָש השנה און יום כּפּור.

ב כ ו ר (בכאָר) — דער עלצטער זון.

דאָס האָט ער אין דעם קעסטל אַ ספר־תּורה געפֿירט אין אַ טלית איינגעהילט, ר׳ הירשם אַ ספר מיט געשניצטע עץ־החיימס און מיט אַ זילבערנעם יד אָנגעהאַנגען אויפֿן סאַמעטענעם מענטעלע.

— „פֿאַמעלעך, וואָלף, פֿאַמעלעך,״ — האָט דער בערדיקער ייִד, וואָס וואָלף האָט אים גאָרנישט דערקענט, געוואָרנט דעם ברודער זייִנעם, ווען ער האָט אַראָפּגענומען דאָס קעסטל, — „דאָ ליגט אַ ריי־ניקייט... לאָז נישט, חלילה, אַראָפּ...״

אַ טומלדיקער און באַרעדעוודיקער, ווי דער פֿאָטער, האָט דער נייִ־אָנגעקומענער אַרומגעשמייִעט אַרום זייִנע פֿיל קינדער און זאַכן, געלאָפֿן פֿון איינעם צום אַנדערן, געציילט די פּעקלעך און געשאָטן מיט רייד, גיכע און פֿאַרפּלאָנטערטע, איבערלויפֿנדיק פֿון איין זאַך צו דער אַנדערער.

— „אַזוי, אַזוי, דאָס איז וואָלף?״ — האָט ער נישט אויפֿגעהערט זיך צו וואונדערן, — „עפּעס גאָר אַ גוי אויסגעוואַקסן אין דעם אַמעריקע...״

אויספּאַקנדיק די זאַכן, האָט ער דערווייַל אַ וועלט מיט גרוסן אָנדערציילט, פֿון אַלערליי מומעס, פֿעטערס און געשוועסטער־קינדער, וועלכע ווילי האָט געהאַט פֿאַרגעסן גאָר. ער האָט דערציילט וועגן זייער ביטערער פּרנסה, צרות פֿון קינדער, און פֿאַרענדיקט אַ זיפֿצנדיקער:

— „אַלע ווילן זיי קומען אַהער... זיי גרייטן זיך שוין אין וועג...״

ר׳ הירש האָט אַוועקגעשטעלט די ספר־תּורה זייִנע אין זייִן שטיבל און געהייסן דעם זון אַרויסנעמען די יעגער־ביקס, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

— „נישט קיין כּבֿוד פֿאַר אַ ספר־תּורה אַזאַ זאַך,״ — האָט ער

ספר תּורה — די פֿינף ביכער פֿון משהן געשריבן אויף פּאַרמעט ראָלן (Scrolls).

געשניצטע — carved.

עץ־החיים (אייץ האַכאַיִם) — דער בוים פֿון לעבן; איינער פֿון די צוויי שטעקנגלעך (wooden rollers), אויף וועלכע אַ ספר־תּורה איז אויפֿגעוויקלט (rolled up).

יד (יאַד) — אַ הענטל אויף אָנצואווייַזן וואו מען לייענט אין דער תּורה.

מענטעלע — דאָ: robe on the scroll of the law.

אַרומגעשמייעט — אַרומגעלאָפֿן.

געשוועסטער־קינדער — cousins.

געמורמלט, — „און צו וואָס דאַרפֿסטו עס, וואָלף? ס'איז ניט פֿאַר קיין ייִד...״

צוליב דעם נײַעם גאַסט, איז שוין דער אַפּטייקער אַרויס־געקומען אויף איבער ראָש־השנה אין דער פֿאַרם. אויך ר' הירשם באַקאַנטע פֿון שטעטל זײַנען געקומען, כּדי ניט צו דאַוונען אין דער שטעטלשער סינאַגאָגע מיטן חזן דעם גלות. ר' הירש האָט זייער אַ שיינעם מנין צונויפֿגעשטעלט, אַליין אַלע תּפֿילות פֿאַרן עמוד געדאַוונט און אויך געלייענט אין ספֿר. די ייִדן האָבן געקוואָלן פֿון זײַן באַטעמט דאַוונען און לייענען. אַפֿילו דער אַפּטייקער דער אַפּיקורס איז געווען אין מנין. אין דער שטוב דערנעבן, אין דער אָפֿענער טיר, פֿאַרהאַנגען מיט אַ ליילעך, עס זאָל האָבן אַ פּנים ווי אַ ווײַבער־שול, זײַנען געשטאַנען די ווײַבער און געדאַוונט אין מחזור. עסטער, אין אַ יום־טובֿדיק קלייד און מיט אַ ווײַסער שאַל אויפֿן קאָפּ, האָט זיך צוגעהערט צו די פֿרעמדע ימים־נוראָימדיקע ניגונים און זי האָט פֿרום געשעפּטשעט מיט די ליפּן, כאָטש זי האָט קיין איין וואָרט ניט געקענט זאָגן.

אַז אין הויז איז געוואָרן ענג פֿון די פֿרעמדע און אַנגעפֿאַרענע, האָט ווילי גענומען צובויען, אַרויפֿציִען אַ שטאָק אויף זײַן הויז. צום ערשט האָט ער אַליין געמײַסטערעוועט, געקלאַפּט, געשטוקע־וועט, אָבער אַז די אַרבעט איז געווען צו פֿיל, האָט ער עטלעכע באַלמעלאָכעס אַרויסגענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן דאָס הויז איבערגעבויט, פֿאַרגרעסערט, אַז עס איז ניט געווען צו דערקענען. פֿון אַלע שכנישע הײַזער האָט עס זיך אַרויסגעהויבן. שפּעטער האָבן זיי עס אָפּגעפֿאַרבט אויף רויט און די לאָדנס אויף גרין. ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק, האָבן זיי אַ גרויסע, ווײַסע שילד אויף דער רויטער וואַנט אויסגעמאָלט מיטן נאָמען פֿון באַלעבאָס. „ווילים סאָמער־פּלעיס״ (ווילים זומערפּלאַץ), האָבן זיי מיט שיינע, גע־דרייטע ווערטער אויסגעמאָלט. אונטער דעם האָבן זיי אַ מגן־דוד אַוועקגעשטעלט און אין סאַמע מיטן אַ „כּשר״ אַרײַנגעפּאַסט.

די מאַשינען אין שטעטל האָבן אָנגעהויבן קומען אַלץ מער.

ג ל ו ת (גאָלוּאַך) — shaved face.

באַ ט ע מ ט (באַטאַמט) — דאָ: פֿײַנעם, שיינעם.

ל אָ ד נ ס — shutters.

ר׳ הירש האָט געשריבן אָפּטע בריוו צו די זייניקע איבערן ים און באַלעבאַטיש זיך אַרומגעדרייט איבערן הויף מיט די הענט אין די קעשענעס פֿון זיין אַלפּאַגענעם סורדוט.

— „אַז גאָט וועט העלפֿן, וואָלף, און מיר וועלן האָבן דאָ עטלעכע מנינים ייִדן״, — האָט ער געזאָגט, — „וועט מען דאַרפֿן אויסשרייבן אונדזער רבֿ פֿון שטעטל... בלי־נדר...״

וואָלף האָט געקוקט מיט פֿאַרכמורעטע אויגן אויף די נייע אויטאָמאָבילן, וואָס שרעקן אים איבער זיינע הינער, קי און פֿערד; ער האָט געצויגן מיט דער נאָז די האַרבע בענזין־ריחות, וואָס פֿאַרעיפּושן די לופֿט, און ער איז אַוועק אָן איין וואָרט צו די פֿערד זיינע אין די שטאַלן.

ער האָט געטראַכט יוען אַוועקגיין פֿון דאַנען, ווי יעמאָלט פֿון שטעטל, ווען ער איז אין איינער אַ נאַכט אומגעריכט פֿון שטוב אַוועק און איבער דער גרענעץ אַריבער.

די פֿערד האָבן צו אים די קעפּ נאָך אַ גלעט אויסגעצויגן און מיט בענקשאַפֿט אַנטקעגנגעהירזשעט.

בלי־נדר (בלינערער) — אַז מען וועט לעבן.
פֿאַרכמורעטע — beclouded, אומעטיקע.